STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11759

DER VILNER BALEBESL

Marc Arnstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מארק ארנשטיין

Wilner Bal-Habosel

דער

ווילנער בעל־הבית'ל

דראמא אין 4 אקטען.

fun Mark Arnstein

מאטא:

ווען די שעהנע פאנטאזיע וואלט זיך מיט'ן
מיאוס'ן לעבען געוואלט משדך זיין,
וואלטען זיי די גליקליכסטע קינדער געבוירען.

Warsaw

ווארשא תרס"ח

דרוק. נ. סטאראוואלסקי, ווארשא גענשא 18.

ВИЛЕНСКІЙ БЛЪ-БЕСЕЛЪ

Драма въ 4-хъ дѣйствіяхъ

Соч. МАРКА АРНШТЕЙНА

Изданіе „ЯВНЕ“

ВАРШАВА 1908.

Тип. Н. Старовольскаго, Варшава Гусья 18.

203790

8-14-17

Y 898.42
A77wi
cop. 2

דער שער געצייכענט פון מאַהלער מאָריצי
טרענבאַך.
די פאָטאָגראַפישע אַרבייט אויסגעפיהרט אין
פאָטאָגראַפיען־אַטעליער „סעווערין".
געדרוקט אין דרוקעריי ביי נ. סטאַראָוואָלסקי.
אַרויסגעגעבען פערלאַג „יבנה".

אלע רעכטע פארבעהאלטען.

געשפיעלט צום ערשטען מאל אויף פויליש, אלס אריגינאל (אונטער דעם נאמען „Pieśniarze“) אין לאדזער שטאדט-טעאטר, דעם 18 אקטאבער 1902.

אויף יודיש געשפיעלט אין די ווארשאווער יודישע טעאטערען („זשארדען ד'היווער“ און „מוראנאוו“) צום ערשטען מאל אייגענ-צייטיג, ענדע יאהר 1905.

געדרוקט אין די פוילישע שפראך, אין וואכענבלאט „Izraelita“ ווארשא 1903 — און אין די רוסישע שפראך אין מאנאט-שריפט „Еврейская семейная библіотека“ פעטערבורג 1903, איבערזעצט פון עווגעני טראפאווסקי.

געשיצט דורך דעם פערבאנד: „רוסלענדישע דראמאטישע און מוזיקאלישע שריפטשטעלער“ („Союзъ драматичес-кихъ и музыкальныхъ литераторовъ“).

צענזורירטע עקזעמפליארען, בעשטעטיגטע פון פעטערבורגער „Главное Управленіе по дѣламъ печати“ וועגען צו בע-קומען ביים פערפאסער.

אדרעסע: Варшава, ул Сѣнная 29, кв. 19.

געווידמעט

מיין נייאַלען חבר דעם פּאָלנישען דיכטער

סטאַניסלאַוו פּזשיבישעווסקי.

פֿריינד און מייסטער!

דיר האָב איך צו פֿערדאנקען אזוי פֿיעל עקסטאַטישע פֿרייד, וועלכע מיין דורשטיגע נשמה האָט פֿון דיינע ווערטער און געדאַנקען אין לאַנגע שמועסען — געטרונקען!

דיין האַרץ האָט מיך גלויבען געלערנט, דאָס די קונסטלער פֿון אַלע פֿעלקער, לענדער און דורות זענען זיך די נאָהענטסטע ברידער!

דו האָסט אזוי אָפֿט מיין גייסט געשטאַרקט און איהם בעפֿאָהלען, צו שאַפֿען.

נעהם-זשע אָן אַלס אַ קליינע מתנה, אָט די איניגסטע יוגענד-חלומות, פֿון דיין איבערגעבענעם

מרק.

Stanisławowi Przybyszewskiemu.

Druhu i Mistrzu!

Twoim Słowom natchnionym i Myślom genialnym, łaknąca dusza moja tyle ekstatycznej rozkoszy zawdzięcza — —

Twoje to wielkie serce mnie wierzyć zmusiło w najistotniejsze braterstwo artystów wszystkich krajów, narodów i pokoleń!

Tyś duszy mojej tak często dał otuchę i tworzyć jej rozkazał — —

Tobie przeto ten utwór, mych młodzieńczych marzeń najszczerszy wyraz —

jako skromną pamiątkę—składam.

Marek

פון פערפאסער.

שוין נאכ'ן ענדיגען מיין דראמע האב איך ערשט בעמערקט, אז מיין „ווילנער בעל-הבית'ל" איז נישט גענוג „ווילנער" און — נאך ווייניגער „בעל-הבית'ל"; אבער אנשטאט זיך דערפון מצער צו זיין האב איך — גאר פערקערט — דערפיהלט א געוויסע פרייד, וועלכע נעמט זיך „קונסטלערישע שטאלץ" דערפון, וואס ס'איז מיר, כמעט אהן מיין וויסען, געלונגען אבצורייסען מיין ווערק פון דער אלטעגליכער ווירקליכקייט און — בלאטיגען, ערדישען גרונד, איבערטראגענדיג עס אין א אבסטראקטען חלל פון דער אייביג ליידענדע נשמה.

די לעבענס-געשעהענישען פון וואונדערבארען ווילנער חזן זענען אונז קוים אין קארגע שטריכען בעקאנט — און אויך די שטריכען זענען ווי מיט אנעהיימניספאלען נעבעל פון מיסטישען חן פערוויקעלט און פערשלייערט... איך האב דעם שלייער נישט געוואגט און נישט געוואלט ארונטער-רייסען, ווייל — איך בין זיך מודה — ער האט מיר געפאלען פיעל מעהר פון די „גע-שיכטע" זעלבסט מיט איהר אונגעוועהנליכען העלד צוזאמען...

אין בעל-הבית'ל זעה איך איינע פון די פיעלע פערקער-פערונגען פון דער ריינער נשמה, וועלכע איז פון גן-עדן פער-טריעבען און פערשאלטען געווארען זי זאל אזוי לאנג וואנדערן פון איין גלגול אין צווייטען ביז זי וועט א אויסגעלייטערטע, דערלאנגען צו די העכסטע מדרגה, דאס הייסט: ביז זי וועט אויפס'ניי ווערען די שאפענדע גאטהייט און די אייביגקייט זעלבסט!..

דער קאפירענדער מאהלער סטארעט זיך מאהלען דעם רעגענ-בויגען מעגליך טריי און עהנליך, דאך איז זיין ווערק נאיוו און קינדיש אין פערגלייך מיט די קעניגליכע פראכט פון די ווירקליכע נאטור-ערשיינונגען! דער שאפענדער קונסטלער נעמט זיך אמאל דאס רעכט דעם זעלבען רעגענבויגען מאהלען אין געשטאלט פון ריע-זיגע, בונטיג-פארביגע, פערוויקעלטע און פערקריפעלטע שלאנגען מיט קעפ פון רויב-פייגעל, אפאקאליפטישע חיות אדער שעהנע

פרויען — און אט דאס קען דער ווירקליכער אמת זיין! ווייל אזוי האבען דעם רעגענבויגען געזעהען די גייסטיגע אויגען פון קונסטלער, אזוי האט זיין ברענענדער שעפפונגס-גייסט געפיהלט דעם נאכ'ן מבל'דיגען בונד פון די גרויזאם-נקמה'דיגע גאטהייט מיט די זינדיגע מענשהייט...

די קונסט שטרעבט ניט צו שילדערן ד. ה. קאפירען, נאכמאכען די ערשיינונגען, וועלכע דאס לעבען האט שוין געשאפען, נאר — צו שאפען זיי אויפסניי, דערפאר האט די אמת'ע קונסט קיין גרענצען; דערפאר לאכט זי אפט אויס אלע רעכטע, פארערונגען און תנאים, מיט וועלכע ס'האבען זי ארומגעצוימט פערשידענע קונסט-טעארעטיקער פון פלאטאן אן ביז'ן היינטיגען טאג...

פערלאנגען פון די קונסט זי זאל שקלאפעריש קאפירען דאס לעבען הייסט—ערניעדריגען דאס אידעלסטע צום גרעבסטען.

דערפאר דארף יעדער קונסטלער מעהר צופרידען זיין, ווען די ערליכע, ניט עם-הארצ'ישע קריטיק (און איבערהויפט— ער זעלבסט) אנערקענט זיין ווערק פאר א וועניגער געלונגענעם קונסטווערק, אלס—פאר א זעהר פינקטליכעם קאפירען פון אלטעגליכען לעבען... ווייל דארט וואו דאס צווייטע ענדיגט זיך שוין, הויבט זיך דאס ערשטע נאך אפילו נישט אן.

די נאאיווע פאלקס-אבערגלויבען ערצעהלט, אז דעם זיבענטען טאג האט גאט נאך ווייטער געוואלט שאפען, איז עס איהם אבער נישט געלונגען... און דעמאלס טאקע זענען די שדים, רוחות, מחבלים און זייער גלייכען בעשאפען געווארען. די זעלבע פאלקס-אבערגלויבען ריהמט אלס די גרעסטע געלונגענע טהאט פון פערגעטערטען בעל־שם, זיין „ליימענעם גולם"...

עס הייסט: פון דארט וואו עס ענדיגט זיך שוין דאס אונגעלונגענע געטליכעס, (שדים, רוחות, מחבלים) איז נאך זעהר ווייט צום געלונגענעם מענשליכעס („ליימענער גולם).

די קונסט איז א טהייל פון די גאטהייט. אויב נישט דער ערשטער־איז עס לכל הפחות דער זיבענטער טאג פון די געטליכע מדרגה...

פון קינסטלער דארף מען דעריבער קיין ליימענע גולם'ס ניט פערלאנגען.

מארק ארנשטיין

ווארשא, 15 טען מאי 1908

דִי פֶּערְזָאנֶען:

יוֹאֵל דָוִד לֶעווִינְזָאהן:	(שטראַשונסקי) דער ווילנער בעל-הבית'ל
לֵאָה:	זיין בלינדע שוועסטער
אַבְרָהָם:	זייער פאָטער
דְבוֹרָה:	יואל דוד'ס ווייב
חַיִימְקֶע:	זייערע קינדער
מֹשֶׁה'לֶע:	
מְנַחֵם:	דבורה'ס עלטער'ן
מַלְכָּה:	
וואָלְף בֶּער:	אַ דורכרייזענדער סוחר
דַיָן:	
אַ יוּנְגֶער-כַּאנְטשִׁיק:	
אִירֶענָא:	יואל דוד'ס יוגענד-פריינדין
בְּלַאזְשֶׁעי:	איהר אַלטער דיענער
נֹחַ:	אַ בעל-עגלה
אֶסְתֵּר:	זיין ווייב
אַן אַלְטֶער יוּד:	
ר' חַיִים:	אַ בלינדער בעטלער
ר' פַייבִּישׁ:	אַ בעטלער
לֵייבֶּעלֶע פָּרוּשׁ:	
אַ יְשִׁיבָה בָּחוּר:	
אַ בַּטְלָן:	

בחורים, משוררים, בעלי-בתים, בטלנים, בעטלער און קינדער.
ס'געשעהט אין נישט ווייטען עבר.

ערשטער אַקט.

ביי ר׳ מנחם שמראַשונסקי אין שטוב.

שבת פאַרנאַכט. ארום טיש זיצען די חשוב׳סטע בעלי הבתים פון ווילנע. אויבען־אָן — דער בעל הבית; אַרום איהם: דער דין, ר׳ אברהם, ר׳ וואָלף בער, בעזונדער, אין דער זייט, אויף אַ ג׳אַלטפרענקישע סאָפע זיצען מלכה און דבורה.

דער אָבגלאַנץ פון די אונטערגעהענדע זון, פאַלט אַריין דורך דעם פענסטער און בעליוכט דעם טיש, דאָס ווייסע טיש־טוך, די שירים פון שלוש־סעודות און די פנים׳ער פון די, וואָס זיצען אַרום טיש.

אַ ווײַלע פריהער, נאָך איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, הערט מען יואל דוד׳ס געזאַנג, וועלכער זינגט צוזאַמען מיט זיינע משוררים. ערשט ווען זיי ענדיגען, הויבט זיך דער פאָרהאַנג אויף. ס׳זעהט זיך אויף אַלע פנים׳ער אַ גרויס התפעלות...

ערשטע סצענע:

איינער (ענטציגט): אַי! אַי! אַט דאָס איז אַביסעל אַ געזאַנג!! האַ? וואָס זאָגט איהר דערצו? האַ?

אַ יונגערמאַנטשיק (צום בעל הבית). נו? וואָס זאָגט איהר דערצו? זאָגט אַדרבה! איהר זענט דאָך — דאַכט זיך — עפּעס יאָ אַ בקי אין חכמת־הנגון...

א בעל הבית: אך, אך! פלאי פלאים!.. טאקי! וואס זאל איך אייך זאגען... גאר נישט!.. די וועלט עקט זיך — און א סוף!!!

א בחור (צום בעל הבית): אזא קול איז טאקי נישט מעהר, נאר א מתנת אלקים... הא? אפשר נישט?..

ר׳ מנחם: קום אהער צו מיר, קום אהער, יואל דוד. זעץ זיך. זיי מוחל דא, ביי מיר. זאגט דעם אמת, ר׳ וואלף בער, איהר זענט דאך ביי אונז אין שטאדט א גאסט, אונזער בעל-הבית׳ל הערט איהר דעם ערשטען מאל, זאגט זשע אדרבה דעם אמת, האט איהר שוין אמאל אזעלכעס געהערט?

ר׳ וואלף בער: מילא, ס׳זענען פאראן חזנים... איך האב אין מיין לעבען ב״ה אויך נישט איין גרויסען חזן געהערט, אבער אזעלכען... פון זינט איך לעב!.. אי! וואס פאר א כלי! וואס פאר א מתיקות!

א משורר (שטיל צום צווייטען): ווארען די לוים אין בית-המקדש האבען שוין בעדארפט זינגען שענער?..

ר׳ וואלף בער: ווי גליקליך זענט איהר דאס, ר׳ מנחם, דאס אייך האט גאט ב״ה בעשערט מיט אזא איידעם!

ר׳ מנחם: געלויבט איז השם יתברך! געלויבט איז זיין ליעבער נאמען!..

מלכה: אהן עין-הרע! נאר אהן עין-הרע!

ר׳ מנחם: נו, יואל דוד, טרינק אביסעל וויין, האסט זיך אודאי פערמאטערט? טרינק און זאל דיר זיין צום געזונד.

יואל דוד: לחיים... (טרינקט).

אלע: לחיים טובים ולשלום!

א בעל הבית: פאר מלכים וואלט אונזער בעל-הבית׳ל בעדארפט זינגען! הא? וואס ניט?

דיין: צו זינגט ער דען שוין איצט ניט פאר א מלך? פאר גאט זינגט ער דאך, פאר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ב״ה...

איינינע: אודאי, אמת... גוט געזאגט... גוט געזאגט.

דיין: און בעווייזט מיר—איך בעט אייך—ווער נאך האט דאס ביז היינט זוכה געוועזען צו דערלאנגען אזא מדרגה אין ענין

זינגען, ווי ער האט אין זיינע יונגע יאהרען שוין דערלאנגט.. אדרבה בעוויזט מיר ווער?..

ר' מנחם: ווער ווייסט עס דען נישט, ר' וואלף בער, אז מיין איידעם איז אינגאנצען אלט געוועזען זיבען יאהר, ווען ער האט צום ערשטען מאל געדאווענט פאר'ן עמוד פאר די גרויסע ווילנער קהלה... דערגרייכען האט ער נאך נישט געקענט האט מען איהם צום עמוד א בענקעלע צוגעשטעלט... און שוין דעמא"ס, האט ער אזוי געזונגען. אז ס'האט זיך די אייגענע אויערען נישט געוואלט גלויבען, אז דאס זינגט דאך נישט מעהר ווי א קינד...

ר' אברהם: דער עולם האט געוויינט און געפרייט-זיך צוזאמען; אזוי האט ער געזונגען, מיין זוהן, מיין יואל דוד...

א בעל הבית: ווער ס'האט אט, דעם ערשטען געזאנג געהערט, וועט איהם שוין קיינמאל נישט פערגעסען... (אין עקסטאזיש) ווען מען וועט מיר שארבענס אויף מיינע אויגען לייגען, וועל איך נאך אלץ דאס געזאנג הערען...

ר' וואלף בער: הפלא ופלא! איך האב דאך שוין עפעס א שעהן שטיקעל וועלט געזעהן — און נישט איין חזן געהערט, וואס שמ'ט אויף דער מדינה, אבער צו אייער יואל דוד איז באמת גאר נישטא קיין גלייכען! ס'קומט גאר קיינער נישט צו איהם!.. איך בין מודה, רב מנחם, אז בשעת איך האב וועגען בעל-הבית'ל דאס ערשטע מאל אין ווארשא געהערט האב איך גאר אויף אזוי פיעל נישט געגלויבט... איך האב געמיינט: ווייס איך, א וועלט איז מגזם... און נישט נאר איך, נאר א סך מענשען מיינען טאקי דארט אין ווארשא, אז אלע וואונדער, וועלכע מען ערצעהלט וועגען ווילנער בעל-הבית'ל, זענען נישט מעהר ווי א גוזמא... קיינעם ווילט זיך גאר נישט גלויבען, אז אזא יונגערמאן וואס איז אינגאנצען עטליכע צוואנציג יאהר אלט...

ר' מנחם: מען גלויבט נישט? נו, נו! ערשט וועלען זיי שוין צוגלויבען, אז זיי וועלען איהם מיט זייערע אייגענע אויערען הערען און מיט זייערע אייגענע אויגען זעהן.

אלע: וואס? וואס?! וואו וועלען זיי איהם דאס פלוצלונג הערען און זעהען?

ר' מנחם: יואל דוד פאהרט קיין ווארשא.

דין: וואס רעדט איהר, רב מנחם?!

אלע: קיין ווארשא?!.. צו וואס דארף ער פאהרען? נאך וואס.. צוליעב וועלכען זאל ער אהין פאהרען?

ר' מנחם: צו וואס ער פאהרט? כדי צו ווייזען דער וועלט, ווער ס'איז אונזער בעל הבית'ל! ער פאהרט כדי צו מאכען אונזער שטאדט בעריהמט אויף דער גרויסער וועלט! ס'איז צייט, אז אלע זאלען וויסען ווער ס'איז יואל דוד שטראשונסקי!...

איינגע: אבער נאך וואס דארף מען דאס? נאך וואס? נאך ווען?

דין: באמת, וואס פאר א דאגה האבען מיר אז זיי גלויבען נישט? ווי פאסט עס גאר, אז אונזער חזן זאל בכיון פאהרען צו לאזען זיך הערען... ס'הייסט גלייך ווי איינבעטען זיך: קומט ווארשאווער יודען און זעהט איין, אז איהר האט אין מיר א טעות געהאט...

ר' מנחם (שטאלץ): איהר האט א טעות, דין. נישט ער בעט זיך איין, נור מען בעט איהם... ערשט נעכטען טאקי האב איך דורך א ספעציעלען שטאפעט פון ווארשא וועגען דעם ענין א בריעף בעקומען...

איינגע (נייגעריג): דורך א שטאפעט, א בריעף!.. דורך א שטאפעט גאר!..

ר' מנחם (נעמט ארויס פון בוזעם-טאש א פערזיגעלטען בריעף און לייגט איהם אוועק נעבען זיך): אט איז ער. איך האב איהם נאך נישט געעפענט, ווייל ער איז אנגעקומען פונקט צו ליכטצינדען.

איינגע: ווייסט איהר דאך נאך נישט, וואס דארט שטעהט.

ר' מנחם: איך ווייס יא! ס'איז בודאי פון דעם זעלבען ווארשאווער כוחר, וואס איז שבת ראש-חודש ביי אונז געוועזען. ער האט שוין דאמאלס געבעטען יואל דוד'ן, ער זאל גרייט זיין קומען קיין ווארשא ראש חודש בענשען, ווי באלד ער וועט נאר

דערהאַלטען אַ בריעף דורך אַ שטאַפֿעט פֿון די וואַרשאָווער גבאים,
דאָס איז עס טאַקי מסתמא פֿון זיי, דער בריעף...

אַ בחור: רופֿט זשע אַ גוי ער זאָל איהם עפֿענען, וועט מען זיך דערוויסען וואָס עס שטעהט דאָרט.

די משוררים: הייסט עפֿענען דעם בריעף... הייסט עפֿענען!

דין (בייז): וואָס רעדט איהר?! צו ווייסט איהר דען נישט, אַז הייסען אימעצען עפֿענען איז די זעלבע עבירה גלייך ווי איהר וואָלט אַליין אום שבת געעפֿענט?.. וואָס האָט איהר דאָס אַזוי קיין צייט נישט?... וואָס ברענט איהר!..

ר' מנחם: צו נאַכט איז שוין סאַי ווי נישט ווייט; כ'האָב געוואַרט אַזוי לאַנג, וועל איך נאָך אונטערוואַרטען.

אַ בעל הבית: ביז צום ערשטען שטערען איז נישט מעהר געבליבען ווי אַ האַלבע שעה... נישט מעהר...

אַ בחור (קוקט אין פֿענסטער): אַ האַלבע שעה, זאָגט איהר? עט, מיר דאַכט זיך עס וועט לענגער דויער'ן...

יונגערמאַנטשיק: און איך זאָג אייך, אַז אונז דאַרף זיין אַלץ איינס, וואָס עס שטעהט דאָרט אין בריעף, סאַי ווי דאַרף מען איהם נישט לאָזען פֿאָהרען.

אייניגע: מען דאַרף איהם נישט לאָזען! נישט לאָזען! ווי הייסט עס פלוצלונג?.. פֿאַר וואָס זאָל ער פֿאָהרען?

אַ משורר: מיר וואָלטען אָהן איהם אפילו איין טאָג נישט געקענט לעבען!..

אַ יונגערמאַנטשיק: אַ שיינעם פנים וואָלט אונזער שבת געהאַט אָהן זיין דאַווענען!

אייניגע יונגע: מען דאַרף נישט ער זאָל פֿאָהרען, מיר וועלען איהם נישט לאָזען פֿאָהרען!

ר' מנחם (פֿעסט): איך זאָג אייך, אַז ער וועט יאָ פֿאָהרען! ער איז מיין איידעם און ער וועט מיך האָרכען... ער וועט טהון דאָס וואָס איך וועל איהם הייסען!..

מלכה (איז אין דער צייט אונטערגעגאַנגען צו מנחם'ס שטול. בעט איהם נישט דרייסט) מנחם! האָב — איך בעט דיך —

קיין פאראיבעל... און איהר, יודען, זייט מיר מוחל, וואס איך מיש זיך אריין אין אזא ערנסטען ענין, דא האנדעלט זיך אבער וועגען מיין איינציג קינד... א מאמעס הארץ איז א האלבער נביא... (זי ווישט בגנבה א טרערער) דערפאר בעט איך דיך, מנחם... איך בעט דיך זעהר... שיק איהם נישט א הין קיין ווארשא!.. ער איז דאך די קרוין פון אונזער קאפ, ער איז דאך אונזער איינציגער טאכטערס מאן... שיק איהם נישט אוועק, ווארען...

ר׳ מנחם (שלאגט איהר בייז איבער): דו מיש זיך מיר נאר נישט אריין אין דעם! געה אוועק! וואו איז עס געהערט געוואָרען, אז א יודענע זאל זיך אנרופען צווישען מאנסבילען!..

ר׳ אברהם: הערט מיך מחותן...

ר׳ מנחם: (לאזט איהם נישט ריידען) ער וועט פאהרען, ווייל איך וויל אזוי!

ר׳ אברהם: מען דארף דאך אבער ביי איהם אליין אויך פרעגען...

אלע: א ודאי, א ודאי דארף מען ביי איהם פרעגען, ס׳פערשטעהט זיך!

דין: ער איז שוין נישט קיין קינד, ער דארף שוין אליין פערשטעהן... פרעגט זשע ביי איהם אליין.

ר׳ אברהם: צו ווילסטו, יואל דוד, פאהרען קיין ווארשא?

דין (שטעלט זיך אויף): הער, יואל דוד, איידער דו ענטפערסט, זיי זיך פריהער גוט מישב... זיי וויסען, אז ווארשא איז זעהר א גרויסע און זעהר א זינדיגע שטאדט. נישט איין ערענטליבער יונגער־מאן וואס איז א הין פון דער פרעמד געקומען, איז דארט אראב פון דרך הישר... נישט איינער איז דארט קאליע געווארען. אנ׳ אמת׳ר סדום איז אט, דאס ווארשא... ווילסטו זשע אהין פאהרען, יואל דוד? בעקלער זיך נאר פריהער גוט... זיי זיך גוט מישב! ווילסטו פאהרען?

יואל דוד (שטארק): כ׳וויל!...

אלע (איינער צום צווייטען שטיל): ער וויל פאהרען! ער וויל פאהרען!..

דין: פֿאַר וואָס האָסטו דאָס חשק צו פֿאָהרען? זאָג כ׳בעט דיך, וואָס פֿעהלט דיר דען ביי אונז? צו שעצען מיר דען דאָ חלילה וועניג דיך, אָדער דיין געזאַנג?

יואל דוד: ניין, ווער זאָגט דען... אַדרבה, איהר שעצט דאָ מיך און מיין געזאַנג גאָר און גענוג... מיר פֿערדינען עס גאָר נישט אַזוי פֿיעל...

א יונגערמאַנטשיק: וואָס זשע דען? צו האָבען מיר דיך דאָ וועניג ליעב?

יואל דוד: איהר האָט מיך דאָ ליעב גענוג... נאָר...

איינינע: נאָר וואָס דען? האַ? וואָס זשע דען?..

יואל דוד: מיר איז דאָ ענג! מיר איז דאָ שווער, איך וויל אַנ׳אַנדערע וועלט, איך וויל אַנדערע לופֿט!

אַלע (פֿערוואונדערט, איינער צום צווייטען)**:** האַ? וואָס גאָר... לופֿט... לופֿט... וואָסער לופֿט?..

דין: וואָס מיינסטו דען דערמיט? וואָסערע וועלט דאַרפֿסטו? וואָסערע לופֿט?..

א בעל הבית: זאָג דייטליך, מען זאָל פֿערשטעהן. רייד נישט עפּעס אַזעלכע פֿערשטעלטע רייד...

יואל דוד: (ענטשלאָסען) הערט מיך אויס! לאַנג שוין האָב איך דאָס אייך געוואָלט זאָגען, נאָר ס׳איז דערויף צווישען אונז קיינמאָל קיין צייט נישט געוועזען... ווען מיר טרעפֿען זיך צוזאַמען פֿערלאַנגט איהר פֿון מיר נאָר געזאַנג, נישט קיין ווערטער... און זינגענדיג אייך אויף אייער יעדען פֿערלאַנג פֿון מיין פֿריהע קינדהייט אָן, האָב איך זיך צוגעוואוינט צו זיין אייך געהאָרכזאַם. מיין ליעד איז אַ דיענסט ביי אייך געוואָרען...

מנחם און דער דין: ווי הייסט — אַ דיענסט? חלילה, ווער זאָגט דען? חס וחלילה!..

יואל דוד: איך ווייס, איהר האָט עס נישט געמיינט, נישט דוקא געוואָלט, נור אַזוי איז עס דאָך געוואָרען. דערפֿאַר האָט זיך מיין ליעד ביי אייך געענדיגט ווען איך האָב עס קוים, נאָר וואָס אָנגעפֿאַנגען. און דערפֿאַר האָב איך אייך דאָ, שוין אַלץ אויסגעזונגען. קיין נייע נגונים ווערען שוין אין מיר פֿון לאַנג

ניִשט געֶבוירען! אַמאָל פֿלעגט איך אַוועק-געהן אין די וועלדער אונטער די שטאָדט און האָב אייך זייער געזאַנג געבראַכט, פֿון די בלעטער און פֿון די פֿויגעל האָב איך פֿאַר אייך פּיוטים גענומען... איצט אָבער האָט מיר געזאָגט דער וואלד און די בערטער און די פֿויגעל, אַז זיי האָבען שוין פֿאַר מיר מעהר קיין נייע נגונים, זיי זענען ענטשוויגען געוואָרען און זינגען שוין ניִשט מעהר... מיר אָבער בענקט זיך שטאַרק נאָך נייע געזאַנגען! אָהן זיי איז מיר טרויעריג, אָהן זיי איז מיר אונמעגליך צו לעבען... לאָזט מיך אַוועק אין דער וועלט נאָך נייע ליעדער! דאָ וועל איך שוין לענגער אַזוי ניִשט אויסהאַלטען! לאָזט מיך, איך בעט אייך לאָזט מיך.

מנחם: פֿאַר וואָס קאָנסטו דאָס ניִשט אויסהאַלטען?

אליע (זעהר פֿערוואונדערט): פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס?

דבורה (ליִפּט צו): געוואַלד! וואָס איז דאָס מיט איהם אַזעלכעס געשעהען?

א בעל הבית: געהט אַוועק! אַ יורענע דאַרף זיך ניִשט מישען צווישען מאַנסבילען.

דבורה: איך בין דאָך זיין ווייב, וויל איך וויסען וואָס ס'איז מיט איהם פּלוצלונג אַזעלכעס געשעהן.

מלכה: קום טאָכטערשי, ס'איז איהם חלילה גאָר ניִשט געשעהען.

דבורה: אפשר שיקען נאָך אַ פֿעלדשער?

מלכה: מ'דאַרף ניִשט... קום, קום.

דבורה: וואָס זשע דען פֿערשטערט ער ס'לעבען, אַז עס איז איהם גאָר ניִשט?

יואל דוד (צו אברהם'ן): דערמאָן זיך טאַטע, וואָס איך האָב דיר אַמאָל געזאָגט, דעמאָלס, ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געווען און בין געגאַנגען מיט דיר ראש-השנה צו תשליך צו אונזער טייכעל ווילייקע... געדענקסטו נאָך ווי איך בין געשטאַנען ביים ברעג און לאַנג, לאַנג האָב איך געקוקט אויף דעם פֿייערדיגען הימעל, בשעת די זון איז, אָט ווי אַצינד, אונטער-געגאַנגען...

ר׳ אברהם: איך געדענק עס גוט. דו האָסט דעמאָלסט חדושים׳דיגע ווערטער גערעדט... דו האָסט געזאָגט: טאַטע, אוי וואָלט איך בעסער געוואָלט זיין אַ קליינינקע חמאַראַלע אויף דעם הויכען ברענענדיגען הימעל, אָדער — אַ מענש אויף דעם בלאָטיגען ברעג פון אונזער פלאַכען טייכעל...

דין: קלוגע רייד פון אַ קינד...

יואל דוד: און קוקענדיג, אָט דעמאָלס, אויף די איינגעפאַלענע טרויעריגע הייזלעך פון אונזער קליין שטעדטעל און דערזעהענדיג פאַר זיך אויף דער צווייטער זייט ווילייקע, די גרויסע שטאָדט ווילנאַ, וואָס האָט זיך געבאָדען אין פלאַם פייער פון די אונטערגעהענדע זון, האָב איך זיך ביי גאָט געבעטען ער זאָל מאַכען, אַז איך זאָל אַ מאָל אַ חזן זיין אָט אין יענער גרויסער ווילנער שוהל, וועלכע האָט געקוקט אויף אונז פון דערווייטענס!.. געדענקסט דו עס נאָך, טאַטע?!..

ר׳ אברהם: איך געדענק עס, מיין זוהן, איך געדענק!— ביזט דעמאָלס קוים זעקס יאָהר אַלט געוועזען...

דין: נו, דאַרפסטו דאָך ערשט טאַקי גאָט דאַנקען, אַז דיין בקשה איז געוואָרען ערפילט.

יואל דוד: ניין, אדרבה, דאָס זעלבע וואָס דעמאָלס פיהל איך איצט אין מיין האַרצען! ווי דעמאָלס פלאַמט איצט אין מיר מיין נשמה... (ס׳ווערט פינסטער).

ר׳ אברהם: גענוג שוין, יואל דוד, גענוג שוין... וואָס ס׳איז שייך דיין פאָהרען קיין וואַרשאַ וועלען מיר שוין זעהען... דערווייל וואָס דאַרפסטו ריידען אַזעלכע זאַכען... מיר וועלען שוין זעהן... ס׳פּאַסט גלאַט נישט, אַ חזן... ווייסט דען נישט?..

יואל דוד (טרויעריג): כ׳ווייס, כ׳ווייס...

ר׳ אברהם: נו? על כן?..

יואל דוד (פלוצלונג): זינגען! זינגען וויל איך!... זינגען!...

ר׳ אברהם: נו, אַדרבה—זינג...

איניגע (אויפגעמונטערט): אַדרבה ואדרבה!... זינג אונז טאַקי עפּעס אַ שטייגערל, ווי דו קענסט... פאַר וואָס דען נישט?

דין : אָט, דאָס זענען גאָר שוין אַנדערע דבורים... מהיכא־תיתא... זאָג אונז עפּעס... עס איז שוין טאַקי באַלד באָבּת אונמוטהיג געוואָרען...

יואל דוד (רופט) : משוררים! (זיי שטעלען זיך אַרום איהם און קוקען איהם אין די אויגען וואַרטענדיג) זינגט! (די משוררים זינגען , און ווען עס קומט צו דעם אָרט , וואו יואל דוד דאַרף אַליין זינגען , ווערען זיי שטיל . ער אָבּער זינגט ניט ; אַלע קוקען איהם אָן... וואַרטענדיג פער־וואונדערט...

ר׳ מנחם : נו?!..

ר׳ אברהם מיט׳ן דין (אונגעדולדיג) : נו , נו...

יואל דוד : איך קען ניט... איך קען ניט זינגען!

אלע : פאַר וואָס, הא? פאַר וואָס?...

יואל דוד : וויל... וויל... (ער זוכט און קאָן קיין וואָרט דערויף ניט געפינען).

אלע : פאַר וואָס? פאַר וואָס?

א בחור : (וועלכער האָט ביז איצט געקוקט אין פענסטער, שרייט פלוצלונג : אַ שטערן! אַ שטערן! (אַלע דערפרעהען זיך מיט דער ידיעה, א טייל לויפען צום פענסטער).

ר׳ מנחם : וואו איז אַ שטערן?

א בחור (ווייזט אָן) : אָט, דאָרט! פון דער רעכטער זייט... אָט, איהר זעהט? אָט... אָ!..

ר׳ מנחם : כ׳זעה.

א בחור : ערשט קאָנט איהר שוין עפענען דעם בריעף.

אנדערע : ערשט מעג מען שוין... לייענט! עפענט, לייענט!

דין : פאַר מעריב?! וואָס רעדט איהר? וואָס טהוט זיך דאָס היינט דאָ מיט אייך!..

דער יונגערמאַנטשיק : אפשר , וויל ס׳איז אַ בריעף דורך אַ שטאַפּעט איז דאָך אַ סברה, אַז ס׳איז זעהר אַ נויטיגע זאַך, דערפאַר , אפשר...

ר׳ מנחם : קומט אַריין אַהין , וועלען מיר דאַוונען מעריב און מאַכען הבדלה ; דערנאָך וועלען מיר עפענען דעם בריעף. קומט! (ער לאָזט אַרויס דורך די טהיר צו ערשט דעם דין, נאָכדעם ר׳ וואָלף

(בער'ן, נאָך זיי געהט ער אַליין און נאָך איהם געהען אַלע אַרויס הויך שמועה'ם־ענדיג צווישען זיך און שפּאַרענדיג זיך. עס בּלייבּט נאָר מלכּה און דבורה).

מלכּה און דבורה.

דבורה (אַבּרוּימענדיג פון טיש צוזאַמען מיט מלכּה'ן): ווען ער נעמט נאָר אַזוי קלוג ריידען ווערט מיר אַזוי אונמוּטהיג אויפ'ן הארצען ... איך פערשטעה איהם דעמאָלס גאָר ניט . . .

מלכּה: טאָ זעה, סטאַרע זיך טאָכטערשי, זאָלסט איהם יאָ פערשטעהן, וועט איהר דעמאָלס אֶפּשר אַבּעסער מזל האָבּען.

דבורה (פערוואונדערט): און וואָס פעהלט אונז דען היינט? אַלע יודישע קינדער אָהן מיין שאָדען געזאָגט געוואָרען . . . וויים איך, וואָס דיר פאַלט פלוצלונג איין . . .

מלכּה (פערטראַכט זיך אַ ווײַלע): דבורה'שי!

דבורה: וואָס, מאַמעשי?

מלכּה: צו טהוט דיר דאָס האַרץ נישט וועה, וואָס ער פאָהרט אוועק?

דבורה: ניין! פאַר וואָס זאָל מיר דען פלוצלונג נעמען וועה־טהון דאָס הערץ?—אַדרבּה זאָל ער זיך פאָהרען אַבּיסעל אויף די וועלט. . . מהיכא תיתא פאַר וואָס דען ניט? . . . אין אַ וואָך צוויי אַרום וועט ער דאָך מן הסתם צוריק קומען . . . (פלוצלונג פריילין) אֶפּשר וועט ער מיר נאָך ברענגען עפּעס אַ מתּנה פון וואַרשא, אַז איך וועל איהם בּעטען! . .

מלכּה: דו בּעט איהם בּעסער, קינד מיינס, ער זאָל אינגאַנצען ניט פאָהרען!

דבורה (קאַפּריזנע): טאָ בּעט דו איהם אַליין! וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס ווילסטו פון מיין לעבּען האָבּען? . . .

מלכּה (בּערוהיגט זי): שאַ . . . שווייג שוין מיין קרוין! ווילסטו, טאָ זאָל ער זיך פאָהרען. איך מיין נאָר, הלואי זאָלסט נאָכדעם חלילה נישט דאַרפען חרטה האָבּען . .

דבורה (ערשראָקען): פאַר וואָס זאָל איך דאָס נאָכדעם חרטה האָבּען? וואָס הייסט עס? וואָס רעדסטו מאַמע עפּעס אַזעלכע נאַרישקייטען?!

מלכה: גאר ניט. גאר ניט, טאַכטערשי! איך רעד זיך גלאַט אַזוי!

דבורה (בייז): טאַ רייד זשע ניט גלאַט אַזוי!

מלכה (נאָכגעבענדיג): גענוג שוין, גענוג. הער זיך שוין אויף צו באַלעווען מיין בת-יחידה. איך האָב נאָר געמיינט, אַז דו וועסט זיך מצער זיין, ווען ער וועט אַוועקפאָהרען... אַ מאָל ווען דער טאַטע דיינער פלעגט אַוועק-פאָהרן צו-ליעב זיינע געשעפטען פלעגט מיר דאָס האַרץ אַזוי וועה טהון!...

דבורה (גערירט): פאַר וואָס, מאַמע? פאַר וואָס?

מלכה (נעהמט זיך אויפסני צום אויפרוימען): ווייס איך... (דערלאַנגט איהר די טעלער) נאַ, טראָג אַריין אין קוך.

דבורה (שטעהט אַ ווײַלע מיט די טעלער אין דער הענד): אַז... וואָס פאַר אַ פעולה... אַז... אַז... ווען איך זאָל איהם אַפילו שוין יאָ בעטען וועט ער מיך דען האָרכען? וויפיעל מאָל איך בעט איהם ער זאָל מיר עפּעס זינגען וויל ער קיינמאָל ניט... דער-פאַר זינגט ער מיר דוקא, ווי אויף צו לְהַכְעִיס, דעמאָלס, ווען מיר טהוט דער קאָפּ וועה, אָדער גאָר ביי נאַכט, ווען איך שלאָף, און טאָמער בייזער איך זיך דערפאַר, טענה'ט ער, אַז ער מוז זינגען! פונקט ווי איהם וואָלט עמיץ גענויט! חאָטש אין אמת'ן, נויט איהם גאָר קיינער ניט... קיינער בעט איהם ניט... קיי-נער הערט איהם אַפילו ניט!.. פאַר וואָס זשע מוז ער זינגען? איך פערשטעה ניט, פאַר וואָס מוז ער דאָס דוקא?.. האַ?..

(זי געהט אַרויס. מלכה קלויבט צונויף די גאָפּלען מיט די מעסערס פון טיש און געהט אויך אַרויס נאָך איהר. פון דעם צימער וואוהין דער עולם איז אַריין, הערט מען זינגען „המבדיל". רעבּט'ס פון אַ צימער בעוויזט זיך די בלינדע לאה. ווי אַ שאָטען שאַרט זי זיך האַרט ביי דער וואַנד, ביז זי קומט צו דער טהיר, פון וואַנען ס'הערט זיך דאָס געזאַנג. דאָרט בלייבט זי שטעהן ביז דאָס געזאַנג ענדיגט זיך און ביז מלכה מיט דבורה'ן קומען צוריק פון קיך).

לאה מלכה און דבורה.

מלכה: לאה! וואָס טהוסט דו דאָ, לאה?

דבורה: וועמען זוכט זי דאָ?

מלכה (נעמט זי פאַר די האַנד) : וועמען זוכסטו קינד ?

לאה (שטיל) : דאָס געזאַנג זוך איך . . . זיין געזאַנג . . .

דבורה (שיסט אַרויס מיט אַ פוסטען געלעכטער) : חע , חע , חע ! אַ געזאַנג זוכט זי גאָר ! משוגע מיינע שונאים ! אַ געזאַנג האָט זי אָנגע־וואָרען זוכט זי איהם ביי די ווענד . . . איך זאָג שוין פון לאַנג אַז מען דאַרף איהר ערגעץ־וואו אַוועק געבען , זי איז שוין אינגאַנצען חסר דעה . . .

מלכה : מסתמא האָט זיך איהר עפּעס געחלומ'ט !

דבורה : מסתמא .

לאה : וואו איז ער , יואל ? דאָרט האָט ער געזונגען . . . מיין ברודער . . . מיין יואל . . . (זי טוליעט זיך אַ דערשראָקענע צו מלכה'ן) הערט ! איך האָב געזעהן , ס'האָט זיך מיר געדאַכט , אַז אַ גרויסע שוואַרצע קראָה האָט איהם אַרויס געריסען דאָס קול פון זיין האַרץ און אַוועקגעפלויגען דערמיט צום הימעל , הויך — הויך ! . . איך האָב איהר געוואָלט נאָך־יאָגען . . . (שטרעקט אויס די הענד גלייך זי וואָלט עמיצען געיאָגט) ! כ'האָב זי געיאָגט , גע־יאָגט ! כ'בין שוין געווען ביי איהר זעהר נאָהענט . . . כ'האָב זי שוין כמעט דערטאַפּט מיט דער האַנד . . . פּלוצלונג איז זי מיר , די שוואַרצע קראָה , ערגעץ־וואו פערשוואונד'ען געוואָרען אין די וואָלקענס . . . און מעהר האָב איך זי שוין ניט געזעהן . . . (מיט טרעהרען) מעהר האָב איך זי שוין ניט געזעהן . . .

דבורה : משוגע ! . . וואָס וועט פון איהר ווערען ? (זי נעמט פון קרעדענס־שאַנק אַנ'עפּיעל און זעצט זיך אוועק עסען) .

מלכה : ווען האָסטו דאָס געזעהן ?

לאה (וויל זיך דערמאָנען) : ערשט . . . ערשט . . . ניט לאַנג . . . אֶפשר נעכטען ? — ניין ! שוין לענגער . . . לענגער . . . איך געדענק שוין ניט ווען ! . .

דבורה : צו וואָס פרעגסט דו זי גאָר ? ווייסט זי דען וואָס זי רעדט ?

לאה (ציטערט) : אמת ! אמת ! די שוואַרצע קראָה ! די שוואַר־צע , די שוואַרצע קראָה ! . . אומעדום וואו יואל דוד קעהרט זיך

פליהט זי איהם נאך! — טריט אויף טריט — און ווארט ער זאל נאר זיין הארץ עפענען, זי זאל קענען אהין אריין און זיין קול איהם אויסכאפען! די שווארצע קראה! די שווארצע קראה!..

דבורה: א שווארצער חלום אויף מיינע שונאים'ס קעפ! (זי שפייט) טפו, טפו, טפו!..

לאה: לאזט איהם נישט אוועק פון דאנען! לאזט איהם נישט! וויל זיין קול איז ווי א ווייסע טויב, די שווארצע קראה וועט זי דערשטיקען! לאזט איהם ניט א וועק פון דאנען...

דבורה: געוואלד, מאמע! זאל זי אויפהערען, איך הויב זיך שוין באלד טאקי אן שרעקען!...

מלכה: אפשר ווייסט זי נעבעך וואס זי רעדט...

דבורה (איבערגעשראקען): וואס? וואס?!

מלכה: אפשר וואלט דאך מעגליך געוועזען אבצוהאלטען יואל'ן ער זאל ניט פאהרען?

דבורה: פאר וואס, מאמע? פאר וואס?

מלכה: עפעס דאס הערץ וויינט אין מיר אזוי... כ'האב שטארק מורא, ס'זאל פון דעם חלילה עפעס א צרה ניט ארויס קומען...

דבורה: טפו, טפו, טפו, דו הויבסט שוין אויך אן ריי=דען אזעלכע זאכען...

מלכה: פון וואנען ווייסט דו עס קינד, אז יואל דוד פאהרט אוועק?

לאה: איך האב געזעהן.

דבורה (לאכט): דער טויבער האט געהערט, ווי דער בלינ=דער האט געזעהן...

לאה: איך, איך הער דאס טאקע! ניין! איך פיהל עס... יא, יא! איך פיהל, אז... א, א, אט... (נישט געפינענדיג קיין ווערטער אויסצודריקען איהרע געפיהלען, ענדיגט זי זעהר אונמוטהיג). איך קען דאס ניט ארויס=רייךען, נאר דא, דא... פיהל איך עס אזוי! אזוי פיהל איך עס!...

מלכה (צו דבורה): א רחמנות נעביך אויף איהר, וואס?

דבורה: ס'איז איהר דען ווער שולדיג?.. מסתמא איז אַ רחמנות...
לאה: היינט איז דאָך שבת? אָמת?
דבורה: אַודאי! האָסט גאָר פֿערגעסען?
לאה: טאָ לאָמיר זאָגען „גאָט פֿון אברהם".
מלכה: גוט קינד מיינס... (זעצט זיך אוועק אין פֿאָטעל, נעבען איהר זעצט זיך לאה אויף אַ קליין בענקעלע; דבורה פֿיהרט אריין חיים'קע מיט משה'לע'ן).
דבורה: קומט קינדערלעך, די באָבע וועט מיט אייך זאָגען „גאָט פֿון אברהם".
מלכה (נעמט ארום די קינדער און הויבט אָן מיט'ן סקארבאָווע נגון):
זאָגט קינדערלעך: גאָט פֿון אברהם, פֿון יצחק און פֿון יעקב...
אלע (מיט'ן זעלבען נגון): גאָט פֿון אברהם, פֿון יצחק און פֿון יעקב,
בעהיט דיין פֿאָלק ישראל אין זיין נויט....
דער ליעבער שבת קודש געהט אַוועק
און די ליעבע וואָך קומט אָן
צו געזונד, צו לעבען, צו מזל, צו ברכה,
צו עושר, צו כבוד, צו פּרנסה צו הצלחה,
און צו אַלעם גוטען געווינס. אמן סלה...
נעם דעם בעכער אין די רעכטע האַנד,
און מאַך אַ ברכה איבער'ן גאַנצען לאַנד...
מאַך אַ ברכה גאָט מיט דיין כח,
און מיר וועלען דיר נאָכזאָגען—אָמן—הויך!
די קומענדיגע וואָך זאָל ברענגען גליק און געזונד,
און דער מלך המשיח זאָל קומען גיך און געשווינד...
אליהו הנביא, אליהו התשבי!
אליהו הנביא זאָל קומען גיך
און ברענגען די גאולה מיט דעם מלך המשיח,
פֿאַר די אומות העולם וועט דאָס אויך זיין שיין!
שרייט זשע קינדערלעך הויך: אָמן!
חיימקע און משה'לע (פֿרייליך): אָמן! אָמן!..
לאה (ווי פֿאַר זיך): נעם דעם בעכער אין דער רעכטער האַנד

און מאך אַ ברכה איבער׳ן גאַנצען לאַנד...

דבורה (שלאָגט איבער): שוין! שוין געזאָגט...

לאה (שטילער): נעם דעם בעכער אין די רעכטע האַנד,

און מאך אַ ברכה איבער׳ן גאַנצען לאַנד...

מלכה: לאָז זי... לאָז זי... (זי קושט די אייניקלעך אין קאָפּ. אַ גוטע וואָך אויף אייך קינדערלעך... די קינדער געהען אַרויס. פון צווייטען צימער הערען זיך פרעהליכע קולות. גוט וואָך! גוט וואָך! די דיענסט ברענגט אַריין פון קיך גרויסע זילבערנע לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט. פלעסקעט מיט די הענד ווינשט: אַ גוטע וואָך! אַ גוטע וואָך אייך... און געהט באַלד אַרויס).

מלכה (קושט זיך מיט דבורה׳ן): אַ גוט וואָך דיר טאָכטערשי.

דבורה: זיין ליעבער נאָמען זאָל געבען אַ גליקליכע וואָך מיט געזונד, מיט פרנסה, אָהן צער, אָהן קלאָפּאָט!... (יואל דוד לויפט אַריין).

לאה, מלכה, דבורה און יואל דוד.

יואל דוד: שוויגער! דבורה! ערשט האָט מען געעפענט דעם בריעף.

מלכה און דבורה: נו, וואָס? וואָס שטעהט דאָרט?

יואל דוד: באַלד מאָרגען פאָהר איך קיין וואַרשא!

לאה (פאַלט מיט אַ געשריי אויף דער ערד): יואל! אָיואל!

מלכה: לאה! לאה!

יואל דוד: וואָס איז דיר לאה? וואַסער! (לויפט אַרויס).

מלכה: לאה חלשט! ראַטעוועט!

דבורה (אייגען צייטיג): געוואַלד! וואַסער! אַ אונגליק מיט די מויד (צוקאָכט זיך) דעם טוידט מאַכט זי אונז אַלעמען! נישט אַנדערשט, נאָר אַנ׳ציִנשיקעניש פאַר אונזערע זינד... געוואַלד! (צוזאַמען מיט מלכה לייגט זי אַוועק לאה׳ן אויף די סאָפע).

יואל דוד (ברענגט וואַסער): וואָס איז איהר דאָס פּלוצלינג געשעהן?

מלכה (מינטערט): נעבּיך זי האָט היינט געהאַט עפּעס אַ

שלעכטען חלום, אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ...

לאה (עפענט די אויגען): יואל! יואל...

יואל דוד: דאָ בין איך! וואָס איז דיר לאה?

דבורה (שטיל): וואָס ווילסטו זאָל איהר זיין? ס׳אַראַ נאַר דו ביזט. ווייסט דען נישט, אַז זי איז אַביסעל ווי זאָגט מען דאָס... (ווייזט מיט׳ן האַנד אויפ׳ן שטערען).

מלכה (צו דבורה): שוויינ שוין! רעד ניט קיין נאַרישקייטען...

יואל דוד (ווייך): צו וואָס ביזטו דאָ אַהער געקומען לאה?

לאה: דיך האָב איך געזוכט! דיין געזאַנג האָב איך געזוכט... ווייל עמיץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס דאָזיגע געזאַנג וועט שוין ניט לאַנג דאָ זיין...

יואל דוד: בערוהיג זיך לאה. זעהסטו — איך פאָהר טאַקי נאָך וואַרשא, אָבער אין צוויי וואָכען אַרום קום איך צוריק.

לאה (ווי זי וואָלט ניט פערשטאַנען): דו פאָהרסט?

יואל דוד: יאָ, איך וועל פאָהרען מאָרגען און וועל צוריק קומען אין צוויי וואָכען אַרום.

לאה (זעהר אונגעדולדיג): ניין! ניין! ניין! ס׳איז נישט אמת! פאַר וואָס נאַרסטו מיך, ווי מען נאַרט אַ קינד, ווען איך ווייס אַליץ, אַליץ... דו וועסט שוין מעהר צוריק ניט קומען!.. ניין! ניין!..

יואל דוד: זיי נישט קיין קינד לאה! איך זאָג דיר, אַז איך וועל אין גיכען צוריק קומען...

לאה (וואַרפט זיך מיט אַ געוויין אויף מלכה׳ס ברוסט): יואל איז אַוועק! שוין ניטאָ יואל! אַליין בין איך פערבליבען, אַליין! אַליין! איך בענק... און דאָס האַרץ טהוט אַזוי וועה!

מלכה (בערוהיגט זי): שוויינ אָרים קינד, שוויינ... יואל וועט צוריק־קומען... שוויינ... שוויינ...

לאה (שלוכצט): ניין! ניין! ער וועט שוין מעהר צוריק ניט קומען, פערפאַלען יואל! פערפאַלען! פערפאַלען!

מלכה: קום לאה. איך וועל דיך אַוועק פיהרען אין דיין חדר אַריין.

לאה (בערוהיגט זיך): אין מײַן חדר וועל איך דיר ווײַזען זילבערנע שפּינוועבס!.. איבער מײַן בעטעל האָבען זיך, זײַט אַ פּאָר טעג, צוגעטשעפּעט צו דער וואַנד פּיער שוואַרצע פליגעל און ווי עס פאַלט נאָר צו די נאַכט, נעמען די פליגעל קלאַפּען אויף די סטעליע, אויף דער ערד, און אויף דער וואַנד... ווי עס פאַלט נאָר צו די נאַכט, קלאַפּען זיי, די פּיער שוואַרצע פליגעל... שלאָגען זיך אָן וואַנד, אָן די פּאָדלאָגע, אָן די סטעליע...

מלכה (נעמט זי אײַן ווי אַ קליין קינד): קום שוין, קום... דאָרט וועל איך זיך אַוועק־זעצען בײַ דײַן בעט, און דו וועסט מיר אַלץ ערצעהלען... קום! (זי פיהרט זי צו די טהיר).

לאה (ארויס־געהענדיג): גוט, גוט... כ׳וועל אײַך אַלץ ער־צעהלען, אַלץ! . דעם הויקערדיגען שנײַדער׳ל. וואָס האָט זיך פּאָר אַ יאָהרען אין אונזער טײַכעל אַליין דער טרונקען, האָט איהר דאָך געקענט? האַ? הערט איהר! אָט די זינדיגע נשמה פון דעם שנײַדער׳ל, וואָס האָט זיך פּאָר אַ יאָהרען דערטרונקען אין אונזער טײַכעל... (זי ווערט ריידענדיג פערשוואונדען אין איהר צימער, רעכטס).

דבורה: וואָס אַ משוגעת קען! אָט דער הויקערדיגער שנײַדער׳ל געהט איהר גאָר ניט פון זינען אַרויס!.. ווייסט דו יואל! די דיענסטען ערצעהלען, אַז פאַר׳ן טוידט פלעגט ער גאַנצע נעכט אַרום געהן אונטער לאה׳ס פענסטער פונקט, ווי אַ פריי־מאַיר! איך גלויב עס אַפילו נישט, פונדעסטוועגען מײַן איך, אַז אין איהם איז אויך געזעסען אַזא משוגעת ווי אין איהר!.. וואָרום, ווען נישט, וואָלט ער דאָך פלוצלונג זיך נישט געהן טרענקען! וואָס, ניין? האַ?..

יואל דוד (ענטפערט נישט).

דבורה (גיט אַמאַך מיט דער האַנד): אויך אַ משוגע׳נער!.. וואָס דען?.. יענער איז געווען משוגע, זי איז מטורף און דער איז גאָר כי לעולם חסדו!.. (זי געהט אַרוים).

יואל דוד (פערטראַכט זיך טיעף): דעם הויקערדיגען שנײַ־דער׳ל׳ס זינדיגע נשמה... (ס׳ומט־אריין ר׳ אברהם און קוקט זיך ארום, צו ס׳איז אויסער זיין זוהן קיינער נישט פערהאַן).

יואל דוד און ר׳ אברהם.

ר׳ אברהם: כ׳וויל מיט דיר עפּעס רעדען יואל דוד.

יואל דוד (ווי אויפגעוואכענד): וואס, טאטע?..

ר׳ אברהם: איך, דיין אלטער טאטע קום דיך בעטען...

יואל דוד (שלאגט איהם איבער): דו אויך? דו ביזט אויך היינט איבערגעשראקען? איך וואלט קיינמאל נישט געגלויבט, אז אין אזא מינוט וועסט דו, טאטע, אויך... גלייך מיט אלע... האסט שוין גאר אלץ פערגעסען? דו האסט דאך מיר וויפיעל מאל אליין ערצעהלט, אז דו האסט אמאל—פונקט ווי איך היינט—דאס זעלבע שטארק פערלאנגט, צום זעלבען שטארק געשטרעבט!..

ר׳ אברהם: אמת, אמת, איך האב טאקע אמאל געמיינט... איך האב טאקי אויביג זעהר געוואלט, זעהר געשטרעבט!.. איצט אבער שרעק איך זיך שטארק פאר דיין אבפאהרען!.. דאמאלס, ווען איך בין נאך זעלבסט אויך געוועזען א חזן, פלעגט מיין הערץ זיך אויך רייסען אין די וויימע לענדער. אין די גרויסע שטעדט, וויל מען האט מיר דאמאלס ערצעהלט, אז דארט ווערט דער זינגער ווי א מלך געאכטעט און ווי א מלאך פערהייליגט!..

יואל דוד (בעגייסטערט): ווי א מלך געאכטעט און ווי א מלאך פערהייליגט!.. אי, טאטע, טאטע!..

ר׳ אברהם: זאלסט אבער וויסען יואל, וואס איך האב זיך שפּעטער וועגען דעם אלעמען דערוואוסט!.. אי! האב איך זיך שפּעטער וועגען דעם שרעקליכע זאכען דערוואוסט...

יואל דוד (מיט פייער): ס׳איז אמת טאטע, אז דארט, אין דער גרויסער וועלט, איז דער זינגער געשעצט און געאכטעט! ווי א נביא, ווי א כהן־גדול פערהייליגט מען איהם דארט! דאס ווילנער קהל האט אין מיר ליעב זיין אייגען, אויפגעהאדעוועט קינד, זיין בעל־הבית׳ל, וועלכעס זיי האבען ביי דיר, ווי א זינג־פייגעלע אבגעקויפט, אין א שטייגעל אוועקגעשטעלעט, איך זאל זיי, לויט זייער ווילען און אויף בעפעהל זינגען! דאס ווילנער קהל האט ליעב געזאנג... דאס ווילנער קהל איז פון לאנג שוין מיט זיינע חזנים צווישען אנדערע קהלות אויף די וועלט בעריהמט!.. הער מיך אויס, טאטע! איך וויל שוין מעהר ניט זיין די לויב פון ווילנער

קהל! איך קען שוין מעהר ניט זיין ווען ס׳איז געקויפטער זינג־פויגעל און ניט ווען ס׳איז געהאָרכזאַמער „בעל־הבית׳ל״! אַ פרייער בעל־הבית וויל איך זיין!.. ניט אַ חזן פאַר איין ווילנאַ, נאָר אַ פרייער זינגער פאַר די גרויסע, ברייטע וועלט וויל איך ווערען!

ר׳ אברהם: אי קינד מיינס, קינד מיינס... אַלץ וואָס דו רעדסט איז טאַקי זעהר שעהן... ס׳איז אָבער דאָך ניט מעהר ווי אַ חלום... און ניסט מעהר ווי אַ חלום דאַרף דאָס אויף אייביג פערבלייבען...

יואל דוד (פלאַמענד): ניין! איך גלויב באמונה שלימה, אַז אַלע חלומות וואָס האָבען ביזט איצט אין מיין הארץ ווי די ציטערדיגע פייגעלעך צום לעבען געפלאַטערט ווערען איצט פון זייער תפיסה, ווי די זעקס־פליגעלדיגע כרובים, צום לעבען ארויס־פליהען! איך גלויב, אַז אַלע נביאות, וואָס גרויסע מענער, סי יודען, סי קריסטען האָבען אויף מיר אַמאָל געזאָגט, ווערען איצט ענדליך מקוים ווערען!.. איך ווייס עס ניט ווי אַנצורופען, נאָר איך פיהל אין מיין נשמה ווי עפּעס אַ גרויסער יום־טוב וואָלט פּלוצלונג אויף די וועלט אַראָב! עפּעס אַ לאַנג אויסגעוואַרטעטע בשורה טובה, אַן אייביג אויסגעבענקטע גאולה איז ענדליך געקומען!..

ר׳ אברהם: אי, קינד מיינס... עפּעס רעדסטו היינט, ווי דו וואָלסט אויף ס׳ניי פינפצעהן יאָהר אַלט געוועזען... דו פערגעסט גאָר, אַז דו ביזט שוין קיין עין הרע...

יואל דוד (שלאָגט איהם איבער): אמת! איך בין איצט אויף ס׳ניי יונג! ווי אַ קינד פיהל איך זיך, מיט פיעל גלויבען און האָפנונגען! דאָס זעלבע פיהל איך איצט וואָס דאַמאָלס, ווען אונזער שכן, דער אַלטער קריסט מאַניושקאָ האָט מיך דאָס ערשטע מאָל נאָך מיין קינדיש זינגען אויף זיין שויס גענומען און מיין קאָפּ געקושט...

ר׳ אברהם (דערמאַנענדיג ז״ד, פאַלט אריין אין אַ בעגייסטערונג): מאַניושקאָ!.. מאַניושקאָ! דער פוילישער קאָמפּאָזיטאָר!.. דו געדענקסט איהם נאָך, יואל דוד?.. שוין אַזוי פיעל יאָהרען און דו האָסט איהם נאָך ניסט פערגעסען...

יואל דוד: איך האָב איהם ניסט פערגעסען, דעם, וועל־

בער האט זיך אין מיין יוגענד בעוויזען ווי א פרעהליכע לעבעדיגע נבואה, וואס איז — לײַדער — ניט מקוים געווארען...

ר' אברהם: וואס רעדסטו — ניט מקוים געווארען! ביזטו דען נישט דער גרעסטער יודישער חזן, ווערמענס נאמען ס'איז מפורסם כמעט אויף די גאנצע וועלט?!

יואל דוד: ניט דאס, ניט דאס טאטע מיין איך... איך האב אלע מאל געקלערט אנדערש, גאר אנדערש... ס'איז ניט דאס!..

ר' אברהם: גער שוין מיין קינד, זינדיג נישט... ווען אפילו ער, מאניושקא זאל דיך איצט הערען, ווען ער זאל דיך מיט זיינע אייגענע אויערען היינט הערען, אי, וואלט ער זיך דאס אביסעל געוואונדערט און געפרעהט... דער גוי האט דיך אזוי ליעב געהאט...

יואל דוד: איך וויל טאקי ער זאל מיך היינט הערען! איך וועל איהם דארט אין ווארשא אויפזוכען, ער מוז אויף געוויס דארט א גרויסער מאן זיין; וועל איך איהם געפינען און איהם בעווייזען מיין קול און מיין שפיעלען אויפ'ן פידעלע און איך וועל ביי איהם פרעגען ווי ארום זאל איך מיין זינגענדע נשמה פון איהר גלות בעפרייען?..

ר' אברהם: וואס קען ער דיר דען העלפען קינד,? פערגעס ניט, אז דו ביזט דאך גאר א יודישער חזן, בשעת ער איז...

יואל דוד: אי, טאטע, טאטע! ווי אלט דו ביזט געווארען אין די לעצטע צייטען... אמאל האסטו מיך פערשטאנען ווי א פריינד און ווי א ברודער האסטו מיך געפיהלט. דיר איינעם האב איך מיינע סודות פערטרויט פון מיין ערשטע קינדהייט אן. ניט ווי פאר א טאטען, נאר ווי פאר א ליעבהארציגע שוועסטער האב איך דיר מיין הארץ אויסגעוויינט פון אלע מיינע לײַדען און פרייען. מעהר אלס זיך זעלבסט האב איך דיר אנגעטרויט — און איצט רעדסטו צו מיר מעהר ניט נאר ווי א עלטערער בעל־דעת... אזעלכען ווי דו ביזט היינט, דערקען איך דיך ניט, טאטע!..

ר' אברהם (זעהר געריהרט): היינט, קינד מיינס... היינט בין איך דיר א טאטע מעהר ווי ביז איצט! איך האב נאך קיינמאל

אַזוי פֿיעל מיט דיר און פֿאַר דיר ניט געליטען... איך וויל... איך וויל שטאַרק, אַז דו זאָלסט פֿאָהרען, איך האָב נאָך אויף מיין לעבען קיין זאַך אַזוי היים ניט געוואָלט... עס ציטערט אָבער אין מיר אַזאַ מורא׳דיגער געדאַנק, אַזאַ שרעק וואַרפֿט אין מיר מיין פֿאָטערליך האַרץ... יואל! .. איך ווייס אַלץ... אַלץ, וואָס דו האָסט מיר פֿערטרויט און אַלץ, וואָס דיינע טרעהרען האָבען מיר מיט ווערטער, אָדער אָהן ווערטער אויסערציעהלט איז ביי מיר, אָט דאָ, ווי אין אַ אייזערנעם קאַסטען אויף צעהן שלעסער פֿערמאַכט... ווי אַ מאַמע בין איך ביי דיין בעט געזעסען דאַמאָלס ווען דו ביזט—ניט היינט געדאַכט—אַזוי קראַנק געוועזען... אָט, דאַמאָלס, נאָכדעם ווען מאָניושקאָ איז מיט דעם מיידעל וואָס איז ביי איהם געוועזען פֿון אונזער שטעדטעל אַרויסגעפֿאָהרען... דאַמאָלס האָב איך ניט געוואוסט אויף אַזוי פֿיעל, איך האָב דיין רייידען פֿון היטץ אויף אַזוי פֿיעל ניט פֿערשטאַנען. איך האָב געמיינט — ניט אַנדערש, נאָר אַ שווערע עין־הרע, רחמנא לצלן, צו אֶפשר גאָר אַ כשוף — האָב איך געקלערט... די גאַנצע צייט, בשעת דיין קרענק האָסטו נאָר ווענען איהר גערעדט, נאָר איהר נאָמען פֿלעגסט דו אין היטץ איבער־חזר׳ן...

יואל דוד (ווי צו זיך): יאָ, אַ כשוף האָט זי געהאַט אין איהרע אויגען... איך זעה זי נאָך, אָט, פֿאַר זיך נאָהענט!... אַ כשוף איז געלעגען אין איהר געזאַנג... אַזאַ קינדיש געזאַנג... אַזעלכע קינדישע ליעדעלעך, וועלכע מען קען קיינמאָל ניט פֿער־געסען... אויפ׳ן גאַנצען לעבען ניט!.. יאָ, אַ כשוף!..

ר׳ אברהם: שפּעטער האָב איך דאָס אָבער אַלץ פֿער־שטאַנען... איך האָב שוין אַלץ געוואוסט... (ציטערנד) דער־פֿאַר טאַקי, אָט דערפֿאַר האָב איך אַזוי שטאַרק מורא, אַז דו זאָלסט אהין פֿאָהרען!.. דו קענסט זי — הלילה, איך האָב מורא דאָס וואָרט אַרויסצוב־ענגען, אין וואַרשא בעגעגענען! און אַז דו וועסט זי איצט דערזעהן קאָן דערפֿון אַרויסקומען—אַל הפתח פה לשטן—דו האָסט דאָך אַ ווייב מיט קינדער!.. געדענק! דו ביזט אַ יודישער חזן!.. געדענק! געדענק...

יואל דוד (זיפצט): שרעק זיך ניט טאַטע! איך געדענק

גוט... איך געדענק מיין גאנץ לעבען, אז איך בין א יודישער חזן... איך האב א ווייב מיט קינדער... אה, ווען ניט דאס... נאר איך ווייס עס... איך געדענק עס...

ר' אברהם: פערגעס אויך ניט מיין זוהן, אז דו האסט א אלטען טאטען. געדענק. זאלסט ניט פערביטערן מיינע לעצטע טעג, זאלסט ניט פערקירצען מיינע אלטע יאהרען! געדענק וואס דו ביזט מיר שולדיג און וואס דו ביזט דיינע ברידער שולדיג... נעם עס דיר גוט אין זינען ארײן... מן הסתם האט דאך גאט ב"ה אזוי געוואלט, אז דו זאלסט נאר אונז אליין אויף דיין גאנץ לעבען זינגען, נור אונז אליין זאלסטו מיט דיין קול אונזער ביטער לעבען פערזיסען און אונז נחת פערשאפען... מן הסתם האט דיך גאט אליין געזאלבט, דו זאלסט זיין כהן בלייבען— און דיין געזאנג זאל זיין א קרבן פאר זיין ארעם, פערפינסטערט און געפלאגט פאלק... געדענק דאס גוט, קינד מיינס! בינד עס דיר צום הערצען צו, וועט עס דיך פון אלעם בייזען און שווערע נסיונות אבהיטען! פערגעס עס קיינמאל ניט!..

יואל דוד: איך וועל דאס קיינמאל ניט פערגעסען!

ר' אברהם: גיעב מיר דיין האנד דערויף...

יואל דוד (דערלאנגט איהם די האנד ענטשלאסען): איך שווער עס דיר!..

ר' אברהם (זעהר דערפרעהט): גוט! גוט! איצט גלויב איך דיר, מיין זוהן!.. עפעס רייסט מיר נאך אין הארצען, ס'וויינט, ס'בעט זיך, לאז איהם דאך ניט פאהרען! נאר איך גלויב דיר... איך וואלט איצט געוויינט ווי א קליין קינד, איך וואלט דיינע הענד געקושט און געבעטען... נאר איך גלויב דיר! איך געטרוי דיר... דו האסט דאך אונז אזוי ליעב, פאהר! מעהר וויל איך דיך שוין ניט אבהאלטען!.. דער געוועזענער חזן רופט זיך אין מיר אב אויפ'ס נײ!.. זינג זיי דארט! פערטראג זייערע נשמות אויף די פליגעל פון דיין געזאנג ביז כסה הכבוד!.. פאהר! און גאט זאל דיך פון אלע אונגליקען און פון שווערע נסיונות אבהיטען!.. (ער קושט איהם אין קאפ. א הערצליך געוויין, אהן טרעהרען שטערט איהם צו ריידען. ער האלזט איהם) דאס איז שוין מיין געזע-

געגנען... איך וויל דיך שוין פאַר דיין אוועקפאָהרען מעהר ניט זעהען... מיין אַלט הערץ קען נאָך אין מיר פּלאַצען!.. (פערדעקט דאָס פּנים און געהט שנעל ארויס).

יואל דוד (פערטראַכט זיך): איך געדענק! — איך טהאָר עס ניט פערגעסען, אַז איך בין נישט מעהר ווי אַ יודישער חזן... איך האָב אַ ווייב מיט קינדער... צו זיי געהער איך און צו מיין פאָלק... צו זיך — גאָר ניט... זיך בין איך אַ פרעמדער, אַ פיינד... איך האָב דערויף מיין טאַטען געשוואָרען... (ער פערטראַכט זיך טיעף, עס קומט אריין דבורה).

יואל דוד און דבורה.

דבורה: יואל!..

יואל דוד (ערוואַכט): האַ? וואָס?

דבורה: אַי ס'טהוט מיר אַזאַ הנאה וואָס איך האָב דיך איצט דאָ אַליין געטראָפען...

יואל דוד: וואָס ווילסטו דען פון מיר?

דבורה (לאַסקעט זיך צו): איך האָב צו דיר זעהר אַ גרויסע בקשה, נאָר איך ציטער — דו זאָלסט מיר חלילה נישט אָבזאָגען... איך וואָלט זיך שטאַרק מצער זיין, ווען דו זאָלסט מיר חלילה אָבזאָגען...

יואל דוד: רייד, איך בעט דיך, און לאָז מיך איצט אַליין.

דבורה (קוקט זיך ארום און ווען זי פערזיכערט זיך, אז קיינער זעהט נישט גלעט זי איהם איבער'ן פּנים)? מיין יואלקע! איך בין דאָך דיין ווייב, האָב איך דאָך יאָ ס'רעכט דיך צובעטען...

יואל דוד (אויפגערעגט): דו ווילסט מיך מסתמא אויך בעטען, אַז איך זאָל ניט פאָהרען!

דבורה (שרייט איהם איבער): דו ווייסט נאָך ניט וואָס און שוין בייזערסטו זיך...

יואל דוד (רוהיגער): זאָג זשע, וואָס ווילסטו?

דבורה (גלעט איהם אויף ס'ניי): הם, הם... איך בעט דיך, אַז דו וועסט זיין אין וואַרשא, טאָ קויף מיר אַ זיידענעם מאַנטעל

מיט קרעלין, פונקט אַזעלכע ווי רחל שלמה׳ס האָט! פאַר וואָס זאָל זי האָבען איינע אַליין אין די גאַנצע שוהל אַזאַ מאַנטעל מיט קרעלין!..

יואל דוד (אונגעדולדיג): גוט, איך וועל דיר שוין קויפען, לאָז מיך ערשט צורוה...

דבורה (ערפרעהט): וועסט מיר באמת קויפען?! וועסט נאָר ניט פערגעסען? וועסט ניט פערגעסען!..

יואל דוד (וויל אוועק געהן): כ׳וועל ניט פערגעסען.

דבורה (פערשטעלט איהם דעם וועג): למען השם! אַי, מיין גוטינקער יואל! איך וועל דיך דערפאַר אַזוי ליעב האָבען, אַז... אַז... נאַ, וועסט שוין אַליין זעהן!.. און ווען קומסטו צוריק?

יואל דוד: מסתמא אין אַפאַר וואָכען אַרום.

דבורה: זאָלסט נאָר זעהן למען השם קומען אויף שבת־נחמו, כדי איך זאָל קענען שבת־נחמו געהן אין שוהל אַריין אין דעם מאַנטעל מיט די קרעלין...

יואל דוד: איך וועל קומען אויף שבת נחמו... לאָז מיך שוין...

דבורה (האַלט איהם נאָך אָב): זאָלסט נאָר חס ושלום וחלילה ניט פערגעסען צו קויפען!

יואל דוד (גנב׳עט זיך קוים אַרויס): איך וועל ניט פערגעסען... (פערשווינדט לינקס).

דבורה (שרייט איהם נאָך): ווייל רחל־שלמה׳ס... (באַלד צו זיך אַליין מיט פריידע) ערשט וועט זי אַזש גרין ווערען פאַר גרימצאָרען, אַז זי וועט אויף מיר דערזעהן פּלוצלונג פונקט אַזאַ מאַנטעל ווי זי האָט!..

מלכה (קומט צוריק).

דבורה און מלכה.

מלכה (שנעל): נו, וואָס? האָסט מיט איהם גערעדט? האָסט איהם געבעטען?

דבורה: אַוודאי האָב איך מיט איהם גערעדט... איך האָב איהם טאַקי געבעטען...

מלכה (שנעל, אונרוהיג): האָסט איהם געבעטען? — און ער האָט דיר צוגעזאָגט, הא? וואָס?

דבורה: ער האָט מיר צוגעזאָגט... וואָס דען, ניט?..

מלכה (ערפרעהט): ער האָט דיר צוגעזאָגט צו בלייבען?..

דבורה: הא, וואָס? ניין! ניט דאָס; נאָר ער האָט מיר צוגעזאָגט ברענגען פון ווארשא פונקט אזא מאַנטעל מיט קרעל'ן ווי רחל ש'מה'ס האָט, ווייסט?..

מלכה (מיט וויטהאָג און פערדראָס): אַי, דבורה! ביזט נאָך אַלץ נאַריש ווי אַ קליין קינד... ס'וואָלט שוין אַמאָל צייט געווען, אז... (זי גייט אַמאָך מיט'ן האַנד און לויפט אַרויס).

דבורה (לויפט איהר נאָך און בייזערט זיך): שוין ווידער דאָס זעלבע! שוין ווידער אַ נאַריש קינד!.. זיי האָבען זיך געמאַכט אַ מאָדע אייביג נאָר מיך צוהאַלטען פאַר'ן גאַנצען נאַר!.. איך וויל דאָס ניט מאַמע! דו הערסט... נאָך אַמאָל, אַז דו וועסט...

(זי פערשווינדעט אין די טהיר נאָך מלכה'ן. מען הערט פון די צווייטע שטוב איהר בייזער'ן זיך. אין אַ ווײַלע אַרום הערט זיך פון צימער, וואו יואל דוד איז אריין געגאַנגען אַ שפּיעלען אויף אַ פּיעדעל, באַלד בעווייזט זיך אין די טהיר אויף רעכטס לאה).

לאה: ער שפּיעלט! יואל דוד שפּיעלט ווידער...

(זי הערט זיך איין, דערנאָך מאַכט זי זעהר אונמוטהיג) ס'קען זיין אַז עס איז שוין דאָס לעצטע מאָל!.. ס'קען זיין אַז ער וועט שוין דאָ מעהר קיין מאָל מעהר ניט שפּיעלען!.. זיין פּיעדעלע געזעגענט זיך מיט אונז אַזוי טרויעריג און וויינט אַזוי הערצליך... פּיעדעלע—מיין פּיעדעלע! פאַר וואָס געהסטו פון אונז אַוועק? וואָס פערלאָזסטו אונז? פאַר וועם?.. פאַר וואָס?.. (זי בעהאַלט דאָס פּנים אין די הענד און בלייבט שטיל).

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאָם.

צווייטער אַקט.

אירענא'ס וואהנונג אין ווארשא .

א זעהר עלעגאנטער , נישט אזוי רייך , ווי געשמאקפאל מעבלירטער זאל . אין דער טיעף לינקס שטעהט א ראיאל ; אויף איהם ברענט א לאמפ צוגעדעקט מיט א רויטען אבאזשור , וועלכער ווארפט אויף די שטוב א רויט ליכטיגקייט . רעכטס שטעהט א גרויסער , אלט=פרענקישער קאסטען=זייגער . פאר=ענט , אויף איין זייט , נאהענט צום פענסטער — א עלעגאנט טישעל מיט דריי שטוהלען — און אויף די צווייטע זייט , נאהענט צום קוימען — א פאטעל מיט א קליין פיעסען בענקעלע .

ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף איז קיינער אויף די ביהנע נישטא . ערשט אין א ווייל ארום הערט מען א נישט דרייסט קלינגען פון פאדערצימער אין דער טיעף . ווען דאס קלינגען ווידערהאלט זיך קומט פון לינקס אריין בלאזשעי , אוילענדיג זיך א פערשלאפענער עפענען .

בלאזשעי (אויפ'ן וועג) : הא ? שוין ! אזוי פריה . . . וואס איז דאס היינט ? . . (ער פערשווינדט אין פאדערצימער , וואו מען הערט באלד זיין שמועסען מיט אברהמ'ן) ווער נאר ? יואל דוד ? . . אהא . . . און איהר ווער זענט ? (ער קומט אריין מיט אברהמ'ן קוקענדיג אויף איהם פערדעכטליך) .

בלאָזשעי און אברהם.

ר׳ אבֿרהם: איהר דערקענט מיך גאָר ניט, פאַניע בלאָזשעי? און איך האָב אייך באַלד דערקענט... (הערצליך) איהר זענט דאָך בלאַזשעי?.. מאַניושקאָ׳ס גערטנער? אפֿשר ניין?..

בלאָזשעי (ערקענט איהם): אָך... אַבראַמעק! אייך זעהן דאָס מיינע אַלטע אויגען!.. אַבראַמעק! (דריקט איהם די האַנד מיט פריוד).

ר׳ אבֿרהם: יאָ, פאַניע בלאַזשעי!.. איהר האָט ניט דערקענט אַבראַמקען? הע, חע, חע! קיין וואונדער ניט... שוין באַלד דרייצעהן יאָהר... איך בין נאָך דאַמאָלס געוועזן אינגאַנצען שוואַרץ... איצט, אָ איצט בין איך שוין אַזאַ ווייסער!.. (ווייזט אויף זיין גראָהע באָרד).

בלאָזשעי: זעהר גיך זענט איהר גראָה געוואָרען, אַבראַמעק! און מיר דאַכט זיך אוים, גלייך עס וואָלט ערשט נעכטען געוועזען...

ר׳ אבֿרהם: ערשט נעכטען... הע! איהר געדענקט נאָך אַלץ?.. מיין גערטעלע איז געוועזען נאָהענט נעבען אייער גאָרטען... מיינער אַזאַ קלייניגקער און אייערער—אַ גרויסער גאָרטען... איינער נעבען צווייטען, אָט, אָט...

בלאזשעי: אָח! זענען עס דאַמאָלס אַ ביסעל גליקליכע צייטען געוועזען!.. אונזער הערר האָט נאָך געלעבט.

ר׳ אבֿרהם: אַי, אַי! האָב איך זיך מצער געוועזען, ווען איך בין היינט פלוצלינג דאָ, אין וואַרשא געוואָהר געוואָרען, אַז אונזער מאָניושקאָ לעבט שוין ניט מעהר! גלויבען האָט זיך עס מיר ניט געוואָלט אויף קיין פאַל!.. סטייטש אַזאַ גרויסער, אַזאַ טייערער בעל מנגן זאָל גאָר פלוצלינג מיט אַמאָל שטאַרבען!.. עך... עך...

בלאָזשעי (ווישט די טרעהרען): שוין פיר יאָהר איז ער טויט און איך קאָן זיך אַלץ נאָך ניט צוגעוואָהנען צו דעם געדאַנק... ווי הייסט?! איך זעה דאָך איהם אָט דאָ פאַר די אויגען אַ לעבעדיגען!.. אָט, זיצט ער ביי דעם ראָיאַל און קאָמפּאָנירט זיינע

הימעל שעהנע מעלאָדיען ... איך הער זיי דאָך אַלע כסדר, גלייך ווי זיינע פֿינגער וואָלטען זיי נאָך איצט געשפּיעלט !.. (ער ווייזט אויף דעם אלטען קאסטען זייגער) אָט איז נאָך דער זעלבער אלטער שפּיעל־זייגער, וואָס שפּיעלט יעדע פֿיערטעל שעה די זעלבע אלטע מעלאָדיע, פֿון וועלכע אונזער מאָניושקאָ האָט זיין בעריהמט ליעד בעשאַפֿען ... (דער זייגער קלינגט) אָט ! אָט ! איהר הערט אַבראַמעק ?! איהר הערט ?.. (ווען דער זייגער האָט אָבגעקלונגען 10 מאָל, שפּיעלט ער). עך, עך !.. דאָס זענען גאָר אַנדערע צייטען געוועזען... אייער יואל־דוד איז דאַמאָלס נאָך גאָר אַ קינד געוועזען...

ר' אברהם (גיט זיך אַ חאַפּ, ווי פֿון שלאָף ערוואַכט) : מיין יואל ! ער איז ביי אייך דאָ ? נאָר צוליעב איהם בין איך דאָס טאַקי אַהער געקומען ... (צוהיצט) וואו איז ער ? וואו ?..

בלאַזשעי : באַלד ... בערוהיגט זיך נאָר...

ר' אברהם : ניין, ניין ! שוין זאָגט מיר, וואו ער איז ? איך בין אַזוי אונרוהיג וועגען איהם ! די גאַנצע שטאָדט איז ביי אונז וועגען איהם אונרוהיג ! צו אונז זענען פֿון וואַרשא אָנגעקומען וועגען מיין יואל־דוד אַזעלכע שרעקליכע ידיעות !.. עקסטרא האָט מען מיך אַהער געשיקט, איך זאָל מיט מיינע אייגענע אויגען זעהן וואָס עס טהוט זיך דאָ מיט איהם ?.. וואו איז ער איצט ? זאָגט מיר געשווינד, וואו איז ער ?

בלאַזשעי (צופֿריעדען) : אויב אַזוי קען איך אייך פֿערזיכער'ן, אַז איהר בעאונרוהיגט זיך דאָרט גאָר אומזאָנסט... אייער יואל דוד'ן איז דאָ חלילה גאָר קיין שלעכטעס געשעהן, פֿערקעהרט ! עס איז איהם דאָ אַלץ גליקליך געלונגען, אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט דאָ אונזערע הערצער, זיין יוגענד־פֿריינדין געפֿונען... אַ דאַנק איהר האָט איהם דער דירעקטאָר פֿון די אָפּער צוגעלאָזט קאָנצערט געבען ; זי האָט איהם געלערנט און צוגעוויזען ווי ער דאַרף זינגען און האַלטען זיך און אַלץ... אַלץ האָט ער איהר נאָר צו פֿערדאַנקען !

ר' אברהם (ווייסט ניט צי זאָל ער זיך פֿרייען, צי נאָר טרויעריג ווערען) : אָבער... אָבער וואו איז ער איצט ?

בלאזשעי: די גאַנצע שטאָדט איז מיט איהם אויף! אומעטום רעדט מען וועגען איהם!.. אָך, טהוט זיך דאָס דאָ אַביסעל... מען טראָגט איהם פראָסט אויף די הענד!.. איהר געדענקט, נאָך דאַמאָלס, ווען ער איז אַ קינד געוועזען האָט אונזער פאַן שוין אויף איהם געזאָגט...

ר׳ אברהם (צאַפּעלט): יאָ, יאָ, נאָך דאַמאָלס... מיין יואל דוד!.. מיין זוהן!.. אָבער זאָגט מיר דאָך, פּאַניע בלאַזשעי, וואו זינגט ער עס איצט? איך וועל אַהין אַלויף־טהון! איך וויל איצט חאָטש שטעהן נעבען איהם!.. איך וויל הערען ווי מיין זוהן זינגט פאַר אַזאַ עולם... פאַר אַזוי פיעל נייע מענשען... איך וויל הערען וואָס פאַר אַ קול ער האָט דאַמאָלס... ווי זיין פידעלע שפּילט אין אַזאַ מינוט!..

בלאזשעי (ענטציקט): יאָ! זיין פידעלע, זיין פידעלע! אַי, אַי! ווען ער שפּילט ווילט זיך גאָר נישט גלויבען, אַז דאָס שפּילט ניט קיין מ׳אַך נאָר אַ מענש ווי אַלע מענשען... אַנדערע זאָגען—איך האָב עס אַליין געהערט—אַנדערע זאָגען, אַז אַזאַ וואונדער טרעפט זיך דאָס ערשטע מאָל, ס׳זאָל אימיצער זיין אַזאַ קינסטלער אין שפּילען און אין זינגען צוזאַמען... אַנדערש ניט, נאָר אַ גאָטעס וואונדער איז עס!..

ר׳ אברהם: ביי אונז זאָגט מען, אַז מיין זוהן האָט בירושה דוד המלך׳ס פידעלע... איך, כאָטש כ׳ווייס, אַז עס רעדט זיך נאָר אַזוי, פונדעסטוועגען ג׳ויבט זיך מיר אָפט, אַז ס׳איז טאַקי אַנ׳אֶמת... ער האָט טאַקי דוד המלך׳ס פידעלע... אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין!

בלאזשעי: עט, דאָס ניט... נאָר איך מיין אַז אין דעם דאַרף ליגען עפּעס אַ כשוף... בשעת ער שפּילט, אָדער ער זינגט, זעהט ער באמת אויס ווי פערכשופט...

ר׳ אברהם: שרעקט מיך ניט פאַניע בלאַזשעי און האַ׳ט מיך ניט אויף! זאָגט מיר, איך בעט אייך זאָגט מיר, וואו איז דאָס איצט.

בלאזשעי (נאַיוו): האָב איך אייך הייסט עס נאָך ניט געזאָגט? איז וואָס פאַר אַ פעולה ווען איך וועל אייך שוין אפילו

זאָגען, אַז מען וועט אייך דאָרט צו איהם סאַי ווי ניט צולאָזען צו איהם.

ר' אברהם: מיך וועט מען ניט צולאָזען? צו מיין איינ־געגעם זוהן? (פויזע) נו וועל איך בעטען... כ'וועל זאָגען ווער איך בין, כ'וועל זאָגען אַז ער איז מיין זוהן!.. אֶפּשר דאַרף מען, וועל איך בעצאָהלען...

בלאַזשעי: האָ, האָ! נאָך נעכטען זענען שוין אַלע בי־לעטען פֿון גאַנצען טעאַטר געוועזען פֿערקויפֿט!..

ר' אברהם: אין טעאַטר! אין טעאַטר זינגט ער?.. (פֿערטראַכט זיך אַ ווײַלע) נו, טאָ וועל איך... טאָ וועל איך אַהין געהן, כ'וועל זיך שטעלען אונטער'ן פֿענסטער און וועל קוקען, אֶפּשר וועל איך איהם חאָטש דערזעהן... אָבער אֶפּשר וועט ער דערזעהן, אַז איך שטעה אונטער'ן פֿענסטער, וועט ער זינגען העכער, וועט ער שפּיעלען העכער, כדי איך זאָל איהם דער־הערען... ער איז דאָך מיין זוהן! מיין יואל דוד... מיינער! מיינער!.. מיין איינציגער זוהן... (ער לויפֿט אַוועק).

בלאַזשעי (וויל איהם אויפֿהאַלטען): וואַרט נאָר צו אַ ווײַלע! וואַרט נאָר, אַבראַמעק!.. שוין ניט דאָ... עך, עך!.. נאָך אַלץ איז ער אַזאַ היציגער ווי ער איז דאַמאָלס געוועזען... עך, עך, עך... (ער פֿערטראַכט זיך. דער זייגער קלינגט אַ פֿירטעל שעה און שפּיעלט זיין געוועהנליכע מעלאָדיע. דער אַלטער הערט זיך איין, דערנאָך זיפֿצט ער שווער) יאָהרען, יאָהרען... וואו זענט איהר אַהינגעקומען? דאָס האַרץ רייסט זיך צום גערטעל ביים טייכעל ווילייקאָ, צו די אַלטע פֿריינד, צום געשטאָרבענעם הערר, צום גרויסען מאָניושקאָ... ס'בענקט זיך... ס'וויינט זיך... (ער ווישט אַ טרעהר. עס דערהערט זיך פּלוצלונג אַ קלונג פֿון פֿאָדער־צימער. ער ערוואַכט ווי פֿון שלאָף) אָ! שוין! און ער איז אָקאָרשט אַהין אַוועק... (לויפֿט עפֿענען) וועט ער איהם שוין דאָרט אויך ניט טרעפֿען... (ער פֿערשווינ־דעט אין פֿאָדער־צימער. באַלד קומט ער פֿון דאָרט צוריק מיט אירענאַ).

בלאַזשעי און אירענאַ.

בלאַזשעי (אַריין קומענדיג ענדיגט): ... אַט, איז ער נאָר וואָס טאַקי אַהין אַוועקגעלאָפֿען...

אירענא (ערשטוינט): ווער? ווער זאגסטו איז דא געוועזען?

בלאזשעי (גוטמוטהיג): נו, ער... אבראמעק, אונזער יואל־דוד'ס פאטער.. . איהר געדענקט איהם שוין ניט? ער איז דאך...

אירענא (ווי צו זיך): זיין פאטער (מיט שרעק) צו ווילען זיי איהם דען שוין צונעמען אהיים?

בלאזשעי (אראב נעמענדיג איהר אויבערמאנטעל): ס'פערשטעהט זיך...

אירענא (מיט א פערהאלטענעם אטהעם): ער האט עס דיר געזאגט?

בלאזשעי: יא... (בעמערקט די ווירקונג פון זיינע רייד, האפט ער צוריק) ס'הייסט—ניט דייטליך... נאר איך פערשטעה... כ'מיין עס נאר!..

אירענא: בלאזשעי! רייד ניט מיט מיר אזוי. זאג מיר אלץ דייטליך, אלץ וואס ער האט דיר געזאגט. איך דארף עס גענוי וויסען, ווייל דא האנדעלט זיך.. זאג מיר אלץ! אלץ!

בלאזשעי: איך האב אייך דען נאך נישט געזאגט? ער איז געקומען צוזא צושראקענער, אז איך האב געמיינט... אי, האט ער זיך דאס אביסעל געפרעהט, ווען איך האב איהם געזאגט, אז אונזער יואל דוד גיבט היינט א קאנצערט...

אירענא (צופריעדען): ער האט זיך ערפרעהט!..

בלאזשעי: ער איז אהין געלאפען ווי א משוגע'נער!.. ער וועט געוויס באלד אהער צוריק קומען, אז ער וועט איהם דארט שוין ניט טרעפען.

אירענא (שנעל): ווי באלד ער וועט נאר צוריק קומען זאלסטו איהם גלייך צו מיר אריינלאזען. זאלען זיי זיך דא, ביי מיר בעגעגענען. יואל דוד וועט נאך אויך דא היינט זיין. איך האב איהם אויף טהע געבעטען.

בלאזשעי: ער וועט אויך דא זיין! אי, וועלען זיי זיך דאס אביסעל דערפרעהען, ווען זיי וועלען זיך דא ביידע בעגעגענען! אזא צוהיצטער איז ער נאך—דער אלטער—ווי געוועזען, נאר גרוי איז ער געווארען... אינגאנצען—ווי א טויב—גרוי...

און ווען איך האב איהם דערמאנט אונזער גאטזעליגען הערר האבען זיך איהם טרעהרען געשטעלט אין די אויגען... ער געדענקט איהם און ערינערט איהם אזוי הערצליך, אזוי היים!..

אירענא: אבראמעק... אזא גוטער ווי דאמאלס, אזא געפיהלפאלער, צערטליכער ענטוזיאסט... מיינסטו בלאזשעי, אז ער וועט יואל דוד'ן ניט צונעמען פון אונז?

בלאזשעי (נאיוו): ווי הייסט—צונעמען? און יענער וועט רען מיט איהם געהן?.. קען ער דען איצט פון דאנען אוועק? איצט, ווען ס'האבען זיך פאר איהם אלע טייערען פון גליק געעפענט... וואס וואלט ער איצט ביי זיי דארט געטהון? איין טאג אפילו וואלט ער שוין דארט ניט אימשטאנד געוועזען צו לעבען!..

אירענא: ביזט גערעכט, אלטער! יואל דוד קען שוין מעהר צו זיי ניט צוריק!.. ער ווייסט עס אויך אליין... און דערפאר דערמאנט ער שוין איצט אפילו ניט וועגען דעם... זיין פאמיליע און קיינעם פון זיינע דערמאנט ער שוין ניט מעהר! פון אייביג אן ווענען זיי איהם ווייט געוועזען און איצט זענען זיי איהם אינגאנצען פרעמד געווארען... (עגזאלטירט, רעדט זי וואס אמאל מיט מעהר היטץ). איך בין זיכער, אז ווען ס'זאלען זיך איצט אלע יודען צוזאמען־קלויבען איהם פון זיין ציעל אבצושלעפען, וואלט ער זיין אימשטאנד זיך זיי אנטקעגענצושטעלען!.. ער איז איצט שטארק און ענטשלאסען! אין זיין זינגען האב איך היינט אזא קראפט בעמערקט, וועלכע ס'וועט קיינער ניט אימשטאנד זיין צו צוברעכען! זיין שפיעלען היינט אויף זיין צויבער־פיעדעלע איז געוועזען ווי דער זיפץ פון א גבור וואס וויל אויף ס'ניי א קינד ווערען... און מיר האט זיך אויס־געדאכט: מיר זענעןביידע אויפ'סניי קינדער געווארען... מיר וואהנען ווי דאמאלס אין יענעם קליינעם שטעדטעל, וואו ס'איז אונז געוועזען אזוי גרוים... אין יענעם פערווארפען ווינקעל, וואו מיר זענען זיך געוועזען אזוי באהענט... (זי זעצט זיך אוועק ביי'ם ראיאל און שפיעלט איינצעלע כרווירינע אקארדען... פערגעסט זיך אין ערינערונגען, שפיעלט ווי צו זיך אין רעדט ווי פאר זיך):

ביי'ם ברעג ווילייקא געהען מיר אום ביידע צוזאמען—

ביידע קינדער מיט זינגענדע נשמות, ביידע בענקענדע יתומים...
קינדער ניט פון איין מוטער, ניט פון איין פאטער...
קינדער אפילו ניט פון איין פאלק... דאך—שוועסטער און ברודער...

ביי'ם ברעג ווילייקא, ווען די זון געהט אונטער, געהען מיר האנד אין האנד... און ווייסען ניט פון טיעפען אבגרונד, וועלכען מויזענדער יאהרען האבען אויס-געגראבען צווישען אונז: קריסטען און יוד; צווישען אונז, מאן און פרוי...

אויף'ן זאמד פון ברעג פאלען מיינע יתומ'דיגע טרעהרען:—
„מאמע! פארוואס ביזטו אזוי פריה פון מיר אוועק?!"

און ער נעמט מיך מיט זיין בליק ארום, האלזט און טרייסט מיט זיין געזאנג: „וויין ניט, שוועסטער'ל; וויין ניט"...

גוטהארציגע בוימער ארום אונז, ווארפען ווייכע צווייבער-שאטענס, האלטען זייער אטהעם אויף, הערען זיך איין אין זיין געזאנג און צאפלען שטיל:—„וויין ניט, שוועסטר'ל, ניט וויין"!

אין ים הימעל בעהאלט די זון איהרע צופלאמטע, גאלדען-רויטע האר און פערוויעגט זיך צום נאכט-שלאף מיט דעם קינד'ס געזאנג:—„וויין ניט, וויין ניט שוועסטר'ל"...

ס'וועבט זיך צערטליך א העלע נאכט... איבער די בוימער-שפיצען פון יונגען וועלדעל פערציהט זי זיך און קוקט צו אונז אלץ נעהנטער, נעהנטער — און מורמעלט מילד:—„גענוג שוין שוועסטער'ל געוויינט! אהיים שוין צייט!—אהיים..."

—מאמעניו! מאמעניו! פארוואס ביזטו אזוי פריה פון מיר אוועק!? (זי פאלט מיט א געוויין אויף די קלאווישען, וועלכע רופען זיך אב מיט א הערצליכען שלוכצען).

בלאזשעי (לויפט צו א דערשראקענער): וואס איז אייך, פאני? וואס איז אייך?...

אירענא (וויינט היסטעריש).

בלאזשעי (בעט זיך): ניט וויינט יתומה'לע, ניט וויינט... ס'הארץ טהוט וועה—איך ווייס... שוין פיהר יאהר, צייט ער איז טוידט... ס'הארץ טהוט וועה, איך פיהל... איך ווייס... איהר מוזט איהם אבער דאך פערגעסען...

אירענאַ: פֿערגעסען ? דו זאָגסט עס, בּלאַזשעי ! . . און דו, וואָס ער איז דיר נאָר אַ הערר געוועזען, האָסטו איהם דען פֿערגעסען ?

בּלאַזשעי: ניין . . . איך מיין . . . טרייסטען דאַרפֿט איהר זיך . . וואָס קענט איהר דען העלפֿען, פֿערלאָזענע יתומה׳לע ? אַליין זענט איהר פֿערבּליעבּען אויף די גרויסע וועלט, איך ווייס עס, קיין קרוב, קיין גואל . . . אַליין . . . אַליין . . .

אירענאַ (פּלוצלונג פֿרעהליך): ניט אַליין בּין איך, גוטער אַלטער ! מיט מיר איז איצט מיין בּעסטער יוגענד=פֿריינד, בּין איך שוין ניט מעהר פֿערלאָזען ! . . קיין מאָל בּין איך נאָך ניט אַזוי גליקליך געוועזען ווי איצט ! . . בּלאַזשעי ! מיין לע=בּען זעהט איצט פֿאַר זיך אַ גרויסען, רייכען ציעל ! (שטאַרק): ער מוז גרויס—ער מוז וועלט=בּעריהמט ווערען ! און דאָס זאָל מיין ווערק זיין ! . . (עקסטאַטיש) איך בּין גליקליך, בּלאַזשעי ! איך בּין גליקליך ! (זי לויפֿט צום ראָיאַל און נעמט שפּיעלען אַ מעלאָדיע פֿול פֿרייד און האָפֿנונג. פּלוצלינג הערט מען פֿון פֿאָדערצימער אַ קלונג).

בּלאַזשעי (מיט פֿרייד): ער איז עס ! ער ! . . (לויפֿט עפֿענען).

אירענאַ (נעמט שפּיעלען אַ טריומף=מאַרש).

יואל דוד (בּעווייזט זיך אין די טהיר. ער איז אָנגעטהון אין אַ שווארצען ראָק. די בּאָרד איז בּיי איהם אַ בּיסעל פֿערשוירען, און אַלגעמיין זעהט ער אויס פֿיעל יונגער און שענער אַלס פֿריהער).

אירענאַ און יואל דוד.

אירענאַ (ניט אויפֿהערענד שפּיעלען): מיט אַ טריומף=מאַרש בּעגריעס איך דעם זיעגער, וועלכער האָט היינט אַלע זיינע אונגלויבּיגער און געגנער געוואונען ! האָך, דעם זיעגער ! (אַקאָרד) האָך ! (אַקאָרד) האָך ! . . (זי שפּרינגט=אויף און דריקט הערצליך זיין האַנד).

יואל דוד (זעהר געריהרט, אויפֿגערעגט, האַלט איהר האַנד): איך פֿיהל . . . איך פֿיהל וואָס אייער האַנד זאָגט מיר איצט . . . בּ׳ווייס אַלץ און . . . איך דאַנק אייך פֿאַר דעם אַלעמען, וואָס איך בּין אייך שולדיג . . .

אירענאַ: שולדיג ? וואָס זאָגסטו יואל . . . (מיט אַלייבּטען

פאָרוואורף) רעד ניט צו מיר ווי אַ פרעמדער! אַ שוועסטער בין איך דיר! אַ ליעבהאַרציגע שוועסטער וויל איך דיר אויף דיין גאַנץ לעבען פערבלייבען! (זי פיהרט איהם נעהנטער און זעצט איהם אַ וועק אויף אַ פאָטעל).

יואל דוד: אַ שוועסטער?.. ניין, נאָר איין שוועסטער האָב איך, איז זי בלינד און קען מיר מיין וועג ניט ווייזען...

אירענא: פערגעס אָן איהר! פערגעס אָן זיי... אַלע פערגעס!

יואל דוד (טרויריג): איך טאָר עס ניט... דאָס וואָלט זיין אַ גרויסע זינד...

אירענא: גרעסער וועט זיין דיין זינד, אויב דו וועסט — צו ליעב זיי — אָן זיך פערגעסען!..

יואל דוד: איך ווייס עס... און דערפאַר טהוט מיר וועה מיין האַרץ אויף דיר, וועלכע ליעבען מיך אַזוי הייס און זענען דאָך מיינע פיינד... אויף די נאָהענטסטע מיינע, וואָס זיי זענען דאָך פון מיר אַזוי וויט! אויף מיינע הערצליכע קרובים, וואָס זיי זענען מיין נשמה אַזוי פרעמד... זיי וועלען שטאַרק פערדראָס האָבען אויף מיר, אַז איך וועל זיי פערלאָזען, איך קען אָבער אַנדערש ניט טהון! איך קען ניט! איך קען ניט!..

אירענא (שטאַרק): דו קענסט ניט, און דו טאָרסט ניט!

יואל דוד: אַנ'עלענדער בין איך אייביג צווישען זיי געוועזען! — מיין נשמה איז געוועזען עלענד!.. מיינע ליעדער זענען דאָרט ווי אַ שוואַכער רויך געוועזען וואָס ווערט אויפ'ן וועג צו די וואָלקענס פערשוואונדען, בשעת איך האָב היים בעגעהרט, אַז זיי זאָלען זיין ווי אַ פייערדיגער זייל וואָס שוועבט ביז'ן הימעל, וואָס דערגרייכט ביז די זון!.. ווי אַ געפאַנגענע פויגעל אין איהר ענגע שטייג, האָב איך צייט מיין גאַנצען לעבען מיט מיינע פליעגעל אָן די וועגד געקלאַפט, דעם קאָפּ צווישען די גראַטען צובלוטיגט און געוויינט פון וועהטאָג און פון ערגער, טאָג ווי נאַכט... זיי אָבער האָבען אין מיין וויינען נאָר געזאַנג געהערט... געטרונקען האָבען זיי מיינע טרעהרען ווי זיסען וויין! און דאָס האָט נאָך מעהר מיין לעבען פערביטערט...

אירענא: אבער איצט האט זיך אויף אייביג דיין תפיסה געענדיגט! איצט ביזטו פריי! וואוהין דיין הארץ גלוסט קענסטו פליהען, וואס דיין גייסט פערלאנגט מעגסטו זינגען... ביזט פריי!..

יואל דוד (ווי פערוווירט): פריי?.. איך בין פריי?.. וואס איז דאס אזעלכעס פרייהייט? דאס ווארט איז מיר שטענדיג געווען אזוי פערהייליגט, אז איך קען זיך ניט משער זיין זיין געשטאלט... עס איז מיר געווארען ווי דאס הייליגקייט זעלבסט! איך פיהל עס, איך פאל דערפאר אויפ'ן פנים און בוק זיך דערצו... זעהען אבער, זעה איך עס ניט!.. פרייהייט?! ווי זעהט עס אוים?.. איך בין א זוהן פון א פאלק וואס איז שוין צייטווייזע דער יאהרען פערקנעכטעט... איך בין א זוהן פון א פאלק וואס האט פון פרייהייט א תורה בעשאפען און האט זיך צו די זעלבע תורה אליין פאר א אייביגען קנעכט פערקויפט... איך בין א זוהן פון א פאלק, וואס ליעבט, אכטעט און שעצט דאס געזאנג, ווי קיין פאלק אין דער וועלט און האט עס דערפאר אין א ענגע תפיסה, אין שוהל-געסעל איינגעשפארט, וואו דער זינגער מיט'ן ליעד צוזאמען מוזען ווערען אויף טויט דערשטיקט!.. א האלב דערשטיקטען האסטו מיך פון דער תפיסה ארויסגעצויגען, וואס ועסטו אבער איצט מיט מיר מאכען, אז מיין גוף איז דאך דארט פערבליעבען?..

אירענא: אין לאנד פון פרייען ליעד וועל איך דיין נשמה אוועק פיהרען!..

יואל דוד (פערחלומט): אין לאנד פון פרייען ליעד!.. וואו איז דאס לאנד?

אירענא: ווען מיר זענען געגאנגען יעדער בעזונדער איז עס געווען וייט פון אונז. אהענט אבער וועט עס זיין, ווען מיר וועלען צוזאמען געהן!

יואל דוד: צוזאמען?.. ווי זעהט אוים דאס לאנד?..

אירענא: צווישען בערג איז עס פערפלאנצט, צווישען בלומען איז עס אויפגעוואקסען, מיט זונענשטראהלען איז עס בעגאסען און מיט ליעדער איז עס פערוויעגט...

יואל דוד: וואָס פֿאַר אַ מענשען וואָהנען דאָרט? און פֿון וואָס פֿאַר אַ גלויבען?..

אירענא: ברידער וואָהנען דאָרט... און זייער גלויבען איז—געזאַנג! די פֿרענצעסין מיט דעם פּאַסטוך—דער שמיעד מיט די גרעפֿין—דאָס קינד מיט דעם גרייז—דער מאַן און די פֿרוי—אַלע זענען דאָרט גלייך—אין לאַנד פֿון געזאַנג! אין קעניגרייך פֿון ליעד! אַהין וועלען מיר צוזאַמען־געהן!.. מיט דיר וועל איך זיין שטאַרק און ביי מיר וועלען דיינע פֿליגעל זייער פֿער־לוירענע אָדלער־קראַפֿט אויפ׳ס ניי בעקומען!.. צוזאַמען וועלען מיר געהן, צוזאַמען!..

יואל דוד (מיט אַ פֿערכאַפּטען אָטהעם): גענוג שוין! גענוג, אין מיינע שענסטע חלומות האָב איך ניט געוואַגט אַזוי קעניג־ליך צו שווערמען!.. נעם מיך מיט זיך! איך וועל געהן וואו דו וועסט מיך נאָר פֿיהרען! גיעב מיר דאָס לעבען, וועלכעס שלאָגט זיך ביי מיר דאָ—אין האַרצען. גיעב מיין דורשטיגע נשמה אַ נייעס, אַ נייעס לעבען!.. (פֿאַלט איהר צו די פֿיעס און צו וויינט זיך ווי אַ קליין קינד).

אירענא (נעמט זיין קאָפּ אין איהרע הענד): אַזוי קומען צוריק די איבערגעלעבטע מינוטען, אונזערע קינדישע יוגענד־אָבענדען קומען אויפֿס ניי צוריק... וויין ניט—ברודער׳ל—וויין ניט...

דער מאָרגען־שטערן האָט איבער דיין קאָפּ אויפֿגעשיינט! דיין פֿריהלינג־זון געהט אויף... וויין ניט ברודער׳ל, ניט וויין...

שטויס אָב פֿון זיך די ערד! זעה, ווי הויך ס׳איז איבער דיר... שטויס אָב פֿון זיך די שאָטענס! זעה, ווי ליכטיג ס׳איז אויף דיין הימעל... וויין ניט ברודער׳ל, וויין ניט...

פֿאַר דיר שאַפֿט די ערד איהרע בלומען! פֿאַר דיר שאַפֿען גיננגאָלד די שטראַהלען, אַ קעניג ביזטו, דיר קומט אַ קרוין!..

מדבריות שאַפֿען דיר נשמות, נשמות ברענגען דיר זייער בענקען, דאָס איידעלסטע אָטהעמען פֿון מענשליכען הערץ גע־הערט נאָר דיר!..

און דו ווייַנסט גאָר, ברודעֶר׳ל!—דו ווייַנסט!.. (זי קושט זיין שטערן שוועסטערליך־צארט און פערשווינדעט אין איהר צימער).

יואל דוד (חאַפּט זיך אויף, ווישט די אויגען, קוקט זיך ארום, גלייך ער וואָלט פערגעסען וואו ער איז אין דער וועלט, הערט זיך איין אַ פערווירטער ווי דער זייגער קלינגט 2 מאָל און שפּיעלט אָב זיין מעלאָדיע.. . ווייזע, פון פאָדער־צימער קומט אריין ר׳ אברהם).

יואל דוד און ר׳ אברהם.

ר׳ אברהם: יואל! יואל דוד!

יואל דוד (פאַלט איהם אויפ׳ן האַלז): טאַטעֶ! טאַטעֶ!..

ר׳ אברהם: יואל דוד! מיין זוהן! איך האָב דיך אומעטום געזוכט. . . איך האָב שוין אַזוי מורא געהאַט!..

יואל דוד: פון וואַנעֶן קומסט דו אַהעֶר? פון וואַנעֶן ווייסט דו?..

ר׳ אברהם (איבערגעשראָקען): יואל! ווי בלאַס דו ביזט!.. עֶפּעֶס קוקסט דו אויף מיר אַזוי משונה׳דיג. . . וואָס איז דיר?..

יואל דוד (חאַפּט זיך פלוצלינג, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם טאַטען אלץ מיט אַמאָל ערצעהלען): טאַטע! דו ווייסט גאָר ניט!

ר׳ אברהם: איך ווייס אַלץ! דו האָסט היינט געגעֶבעֶן אַ קאָנצעֶרט. . .

יואל דוד (מיט התלהבות): ווען דו וואָלסט הערעֶן טאַטעֶ ווי איך האָב היינט געזונגעֶן!.. ווי איך האָב היינט אויף מיין פידעֶלעֶ געשפּיעלט!.. ווען דו וואָלסט הערעֶן!.. גאָר אַן׳אַנדעֶר קול האָב איך היינט געהאַט. . . און מיין פידעֶלעֶ האָט גאָר אַנדערעֶ קולות היינט געפונעֶן... איך האָב ניט דעֶרקאָנט מיין אייגעֶן פידעֶלעֶ—איך האָב געמיינט, אַז עֶס איז גאָר ניט דאָס זעֶלבעֶ. . . און איך אַליין בין איך אויך ניט דעֶר זעֶלבעֶר וואָס דאָרט... ניט דעֶר זעֶלבעֶר וואָס תמיד!..

ר׳ אברהם (בעטראַכט איהם שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ): יאָ, דאָס איז אֶמת. . . דו ביזט שוין ניט דעֶר זעֶלבעֶר. . . ניט דעֶר זעֶלבעֶר. . . דייַנעֶ אויגעֶן פלאַמעֶן היינט מיט אַזאַ פרעֶמד, מיט אַזאַ זינדיג פייעֶר!.. נאָך קיין זינגעֶן דאָרט ביי אונז, האָט דיין

פנים אזוי ווי איצט ניט געפלאמט . . . איך האב דיך נאך קיין מאל אין אזא מעמד ניט געזעהן . . . ביזט שוין גאר אנ'אנדערער !

יואל דוד (מיט פייער) : יא טאטע ! איך בין שוין גאר אנ'אנדערער !..

ר' אברהם (פערציטערט) : יואל דוד ! וואס מיינסט דו דען דער מיט ?..

יואל דוד : אייביג האב איך געבענקט צו אנ'אנדערע וועלט ! צו די וועלט, וואו איך בין שוין איצט !

ר' אברהם (פערברעכט די הענד) : וואס רעדסט דו ! וואס טהוט זיך עס מיט דיר, יואל דוד ?.. איך האב עס ניט געוואלט גלויבען, וואס מ'האט גערעדט אין שטאדט וועגען דיר ! איך האב געמיינט : ס'קען ניט זיין, אז דו, מיין יואל דוד, זאלסט פער= געסען דיין טאטען, דיין בלינדע שוועסטער, דיין ווייב און קינ= דער !.. איך האב עס ניט געוואלט גלויבען . . . דו האסט דאך מיר געשווארען !

יואל דוד (דערמאנט זיך) : איך האב געשווארען !..

ר' אברהם : האסט דאך מיר געשווארען, אז דו וועסט קיינמאל ניט פערגעסען, וואס דו ביזט שולדיג דיין טאטענס גראהע האר און וואס דו ביזט אונז אלעמען שולדיג ! נאר אונז אליין געהער דיין זינגען ! זיי האבען גענוג זינגער אהן דיר און מיר האבען נאר דיך אליין . . . און דיין בלינדע שוועסטער האט קיי= נעם ניט אויף די גאנצע פרעמדע וועלט, נאר דיך אליין... פון דעם טאג אן זייט דו ביזט אוועק איז זי פון בעט ניט אויפגע= שטאנען, זי איז אויסגעטריקענט פון בענקעניש, איהר פנים איז געווארען אויסגעלאשען, צו קיינעם רעדט זי ניט, נאר דיך רופט זי, נאר דיך !..

יואל דוד (שטרייט מיט זיך) : לאה ! בלינדע לאה ! וואס בין איך דיר שולדיג ? וואס פערלאנגסטו פון מיר !

ר' אברהם : ווען זי הערט צופאהרען צו אונזער הויז א בויד פרעהט זי זיך אזוי, אז א שטיינערנעם הארץ מוז פלאצען

קוקענדיג אויף איהר פרייד... (עס קומט אריין אירענא ניט בעמערקט פון זיי).

יואל דוד: לאה! לאה! מיין גאַנץ לעבען וואָלט איך גערן פאַר דיר מקריב געוועזען! מיין נשמה אָבער, מיין ליעד פאַר דיר מקריב זיין קען איך ניט... איך טאָר דאָס ניט! איך קען עס ניט...

אירענא (שטעלט זיך פלוצלינג צווישען טאַטען און זוהן): ניין! דאָס קענסטו ניט! דאָס טאָרסטו ניט, יואל!..

ר' אברהם (ווי פון אַ דונער געטראָפען): זי איז ווידער דאָ! שטענדיג זי!.. איבער זיין גאַנצען לעבען!

יואל דוד (צו איהר): לאָז מיך! ניט דו, נאָר איך זעלבסט דאַרף איצט צווישען טויט און לעבען אויסקלויבען... ביי זיך זעלבסט זאָל איך איצט כח געפינען... לאָז מיך אַליין!

אירענא: זיך זעלבסט טאָרסטו איצט דיין גורל ניט טרויען! דיין ווילען איז פון לאַנג־יעהריגען פערשקלאַפונג נאָך ניט פאָלקאָמען ערלייזט... איך וועל דיך דערפאַר בעשיצען פאַר די מאַכט, וואָס וויל דיך אויף אייביג אָוועקרייסען פון דיין ליכטיגען ציעל! מיין שטאַרקען אָרעם וועל איך מיט דיין שוואַכען צוזאַמען פלעכטען און וועל דיך צוריק צו זיי ניט לאָזען!

ר' אברהם: דו וועסט איהם ניט לאָזען! וואָס ביזטו איהם, וואָס דו נעמסט זיך פון אַלע זיינע נאָהענסטע אַ גרעסערע רעכט?.. אַהין דאָרט רופט איהם זיין טאַטע, זיין קראַנקע, בלינדע שוועסטער, זיין ווייב און קינדער; אַהין דאָרט רופט איהם זיין גאַנץ פאָלק! זאָגסטו איינע: וועסט איהם צוריק ניט לאָזען... שוין אַ צווייטען מאָל שטעלסטו זיך אויפ'ן וועג פון זיין לעבען!.. הלואי וואָלט ער דיך גאָר קיינמאָל ניט דערקענט, וואָלט ער אויף זיין גאַנץ לעבען רוהיג און גליקליך פערבליעבען... מיט זיין געזאַנג וואָלט ער אונז אייביג נאָר פרייד, נאָר נחת און גליק געשאַפען... דו אָבער האָסט אין זיין האַרץ אַנ'אייביג בענקשאַפט פערפלאַנצט... אין אַלע זיינע ליעדער האָסטו אַריינגעגאָסען אַזאַ וועהטיג, אַז איך בין אַזש—אַט זעה—ווי גראָה איך בין פריה־צייטיג געוואָרען נאָר דורך זיי... ווייל איך נאָר איינער האָב

נעפיהלט די איינביגע אומעט פון זיינע ליעדער! איך נאר איינער ווייס אלע וועהטאגען פון זיין הארץ!.. הלואי וואלט ער דיך נאר קיינמאל ניט דערקענט!...

יואל דוד: טאטע! ווי קענסטו איצט אזוי רעדען! איצט!.. איצט... בעדענק זיך... האסט דאך אמאל אליין אויך, ווי איך... דו ווייסט דאך יא...

ר' אברהם (שלאגט איהם איבער): איך ווייס שוין איצט גאר ניט! איך געדענק שוין גאר ניט!.. נאר מיין וועהטאג ווייס איך איצט... אויב ניט אויף מיר, טא! האב רחמנות אויף דיין בלינדע שוועסטער! נאר אייך ביידע האב איך אויף מיין עלטער... יואל! יואל! אויב איך וועל זי מיט דיר צוזאמען אין איין טאג פערליערען, וועסט דו זיין שולדיג אין דיין אלטען טאטענס טויט!.. (פאלט אויף א שטוהל און צו וויינט זיך ווי א קליין קינד).

יואל דוד (ווארפט זיך צום פאטער): גענוג שוין טאטע, וויין ניט! דו האסט מיר נאך קיינמאל דיינע טרעהרען ניט געוויזען... בעהאלטען האסטו זיי פאר מיר כדי מיך ניט מצער צו זיין!.. די טרעהרען דיינע!.. אלץ וועל איך פאר זיי מקריב זיין! אלץ וועל איך פאר זיי פערלאזען: מיינע חלומות, מיין שטרעבען, מיינע האפנונגען און אלץ וואס איך האב דא געליעבט!.. די טרעהרען דיינע. אוי! דיינע טרעהרען!..

אירענא: יואל! יואל!..

יואל דוד (אין א ווילדען פערצווייפלונג): לאז מיך! רוף מיך ניט מעהר! רופט מיך ניט מעהר, חלומות מיינע! איך בין שוין ניט אייערער! איך בין שוין ניט מעהר פריי! איך בין אויף ס'נייע א געפאנגענער... דיינער בין איך, טאטע! דיינער בין איך, בלינדע שוועסטער! צו אייך נאר געהער איך, ווייב און קינדער! צו אייך געהערט מיין בענקעניש, מיינע האפנונגען, מיינע חלומות און געזאנג! נאר צו דיר געהער איך מיין ארעם פער־פינסטערט פאלק... נעם מיך טאטע אהיים! איך וועל דארט אויף ס'נייע זמירות און פיוטין זינגען... נעמט מיך, איך בין אייער געפאנגענער... מיט שטארקע שטריק בינדט צונויף מיינע פליגעל זיי זאלען שוין מעהר קיינמאל פליהען ניט פערלאנגען...

און שטעלט מיר אויס די אויגען איך זאָל בלינד זיין ווי מיין שוועסטער... איך זאָל קיינמאָל מעהר ניט אָנקוקען די פרייע הויכע הימלען און זאָל שוין קיינמאָל מעהר ניט בענקען צו די ליכטיגע, אונשטערבליכע, געטליכע זון... (ער פאַלט אין פאַטערס אָרעמס און לאָזט זיך פון איהם אַרויספיהרען, ניט מעהר הערענדיג דאָס רופען פון אירענא.

אירענא: יואל! יואל!

(ווען ער איז אַרויס פאַלט זי אויף די ערד אין אָהנמאַכט).

דריטער אַקט.

אַ בית־המדרש אין אַ קליין שטעדטעל. טיעף אַ טהיר, נעבען איהר — רעכטס — אַ קופּערנער האנד־פאס און לינקס — אַ ברייט פענסטער. ארום די וועגד הענגען ברעטער, אויף וועלכע ס'שטעהען אויסגעשטעלט ספרים. אַ מעשענער הענג־לייכטער הענגט אראָב פון סופיט. ס'איז שפּעט אין אָבענד. אַ פּאָר פערשפּעטיגטע בחורים לערנען ביי חלבינע ליכטלעך, זינגענדיג פערשלאָפען. לינקס — אַ גרויסער אויבען מיט אַ פּריפּעטשיק, אויף וועלכען ס'שלאָפט אַ בעטלער, הויך כראָפּענדיג. נעבען אויבען אויף בענק און אויף די פּאָדלאָגע שלאָפען נאָך אַ 3–2 פּערזאָנען: בעטלער, בטלנים, אָדער גלאַט אַזוי מענשען אָהן אַ בעשטימטע הוים. אַ ווייל נאָך דעם ווען ס'הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג קומט אַריין ר' חיים, אַ אלטער בעטלער.

ר' חיים (וואשט די הענד ביים כיור און קושט די מזוזה): אַ גוטען אָבענד אייך, יודען!

בחורים (מיט'ן נגון פון לערנען): אַ גוט יאָהר אייך, ר' חיים! (לערנען ווייטער).

אַ בחור: ס'רעגענט נאָך אין דרויסען ר' חיים, האַ? קאַלט?..

ר' חיים (שאָקעלט זיך אָב, צוגעהענדיג צום אויבען): אַי, קאַלט! אַ פריהערדיגען אָסיען האָבען מיר היינטיגעם יאָהר, אַ קאַלטען אָסיען, כמעט באַלד ווי אַ ווינטער... (דערטאַפּט מיט'ן

שטעקען נעבען אויבען אַ שלאָפענדען בעטלער) ווער ליגט עס דאָ? האַ?

ר' פייביש (לאָפּט זיך אויף בייז): ווּעמען האָט שוין ווידער דער רוח אַהער געבראַכט? אַ פייער זאָל אייך אַלע... קיין שטיקעל מנוחה אפילו דאָ!..

ר' חיים (ווייך): זייט ניט אין כעס, רבּי קרוב. איך האָב אייך בכיון ניט אויפגעוועקט.

ר' פייביש (דערקענענדיג ר' חיים'ן ענדערט באַלד דעם טאָן): אַ! דאָס זענט איהר, רבּי חיים? זייט מוחל, כ'האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס זענט איהר... (רוקט זיך אָב מיט דרך ארץ) אָט איז דאָ אַן אָרט פאַר אייך... כ'האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס זענט איהר...

ר' חיים (זעצט זיך אַוועק): אַ יישר כח אייך. דאַכט זיך רבּי פייביש, האַ?

ר' פייביש: יאָ (צופריעדען) איהר האָט מיך דערקענט?

ר' חיים: וואָס שלאָפט איהר עפעס היינט אין בית-המדרש? איהר האָט דאָך אַן אייגענע היים, אַ ווייב מיט קינדערלעך זאָלען לעבען און געזונד זיין...

ר' פייביש: אַ ווייב זאָגט איהר? אַן אָנשיקעניש האָב איך, ניט קיין ווייב... ווי ווערט מען שוין אַמאָל איהרער פּטור!..

ר' חיים (שלאָגט איהם איבער): לאָזט, לאָזט ר' פייביש! זי איז דאָך אַ ווייב, אַ מוטער פון אייערע קינדער... פערזינדיגט זי חלילה ניט...

ר' פייביש: איהר זענט גערעכט... זאָל זי מיר הונדערט יאָהר לעבען... וואָרום באמת, צווישען אונז רייענדיג, ווּעניג האָט זי זיך נעבעך פון מיר אָנגעליטען איהר גאַנץ לעבען?.. אייביג געהונגערט געפריערט... און אויסער דעם, גלאַט אַזוי... עט, מישטיינס געזאָגט.. איהר מיינט רבּי חיים, איך שעלט? חלילה! ס'שעלט זיך אַליין...

ר' חיים: איך ווייס עס, איך ווייס... נאָר דאָך, מען איז דאָך אַ ייד, וואו איז דער בטחון?..

ר׳ פייביש: אז איהר קענט דאס גאר אויף אזוי פיעל ניט וויסען!.. אכט קינדערלעך זאלען לעבען, קיין עין=הרע... און אלע הונגעריגע, אלע אבגעריסענע, נאקעטע... און דא האט זיך פלוצלונג געמאכט אזוי קאלט!.. צוויי האבען זיך צוגעקיהלט און הוסטען אב גאנצע טעג און נעכט, ווי פון הוילע פעסער...

ר׳ חיים: מיט השם יתברך׳ס הילף וועלען זיי אין גיכען זיין געזונד!

ר׳ פייביש: מן הסתם וועט גאט ניט פערלאזען! וואס דען?.. (ר׳ חיים לעגט זיך שלאפען) א גאנצען טאג בין איך ניט אין שטוב געוועזען, ערשט ביי נאכט קום איך א היים און גיעב אוועק מיין ווייב א גילדען! אז ס׳האט זיך אנגעקליעבען א שטאדט מיט בעטלער, רחמנא לצלן! דאס שטעדטעל איז קליין און אליין אויך ארעם, און דא אויף יעדען טריט און שריט—א בעטלער! א גאנצען טאג האב איך קוים א גילדען צוזאמענגעקליעבען!.. אבער וואס בין איך אין דעם שולדיג?.. וואס האט זי געוואלט פון מיר, דער שלאנג?.. א ווייב דארף עס דאך פערשטעהן... האט זי גענומען מיך דערעסען, פערשעלטען זיך, מיך, איהר מזל, די קינדער און אלץ... אנטלויפען האב איך אזש געמוזט, אט אהער דא!.. זאגט זשע אליין רב חיים! צי בין איך שולדיג אז ס׳האט זיך אנגעקליעבען א פול שטעדטעל מיט בעטלער?.. זאגט אדרבה, בין איך דען שולדיג... (ר׳ חיים איז דערווייל א מיעדער איינגעשלאפען, ענטפערט ער איהם מיט א חראפען...)

א ישיבה בחור (וועלכער האט זיך צוגעהערט צום געשפרעך): שששא... ער שלאפט... וועקט איהם ניט! א גאנצען טאג זיך אנגעגאנגען... אזא אלטער נעבעך... שוין איבער זיעבעציג יאהר אלט, און דערצו א בלינדער... (פויזע, די בחורים לערנען).

לייב׳לע פרוש (קומט אריין, וויל וואשען די הענד ביים האנד=פאס און געפינט ניט קיין וואסער): ווי הייסט? נישטא קיין וואסער אין בית המדרש! אז ג׳נזק׳ט זאל ער ווערען אונזער שמש דער פיאניצע!.. (רופט צום אויבען) הער נאר, דו דארט!.. חאפט אימיצער אריין א עמער וואסער! (צו רב פייביש׳ן) דו, פייביש!—ברענג אריין וואסער!

ר׳ פייביש (פערשלאָפען) : עט, לאָז מיך צורוה. איך בין שלעפעריג . . .

ליב׳לע פרוש (עזות׳דיג) : ווי הייסט ? וואָס? ! ווילסט ניט משמש זיין תלמידי חכמים ! ווי הייסט ? וואָס ? ! אביסעל וואַסער ווילסטו ניט ברענגען ! (שלעפט איהם אראָב פון זיין געלעגער) שוין באַלד זאָלסטו מיר דאָ געהן ! . .

ר׳ פייביש (אונגערן) : גוט, גוט ! שלעפ ניט , איך געה דאָך שוין . . . איך געה ! . . (גלייכט זיך אוים) אַלע ביינער טהוען מיר וועה . . . איינגאַנצען אַ צובראָכענער שאַרבען בין איך . . . און דאָ איז ערגיץ ניטאָ קיין פיצעל מנוחה . . . אַפילו דאָ אויך ניט . . . (נעמט אַן׳עמער, עפענט די טהיר און שטעלט זיך פלוצלונג אָב) זעהט נאַר ! דאַכט זיך ס׳פאָהרט אַהער צו עפעס אַ וואָגען ? (אייניגע לויפען צו צו דער טהיר) אַ בויד דאַכט זיך , האַ ?

איינער : יאָ, אַ בויד דאַכט זיך !

אלע : טאַקע אַ בויד, אַ בויד !

איינער : שאַ ! דאַכט זיך נח מיט זיין תבה פאָהרט אַהער !..

אלע : יאָ , יאָ ! נח ! ווי איך בין אַ יוד, נח מיט דער תבה . . . מיט פאַרשוינען !

ליב׳לע פרוש : וועט זיין ביי וועמען זיך אַביסעל צו פּאָשילען ! געה איך טאַקי אַרויס זיי מקבל פנים זיין ! (לויפט אַרויס) .

ר׳ פייביש : וואָס לויפסטו דער ערשטער, בטלן ! . . וואָס איז עס אַ געהיילעריי אויף דיר ! . . (לויפט אויך אַרויס . ס׳הערט זיך צו־פאָהרען אַ וואָגען) .

נח (אין דרויסען צו די פערד) : סטאָפּ ! סטאָפּ ! שטעהט שוין מיינע שלעק . מיינע פרנסה־געבער . פררר ! . .

אייניגע (פון אינעווייניג , עפענדיג דאָס פענסטער) : שלום עליכם, רבי נח !

נח (נאָך פון דרויסען) : עליכם שלום . . . פררר ! איהר שטעהט צו ניט ? אַצינד לויפען זיי, אַ מכה אויף זייערע קעפ . . . אַז איך האָב זיי דעם גאַנצען וועג געבעטען רחמים, מיט דער בייטש און אָהן דער בייטש , מיט דער קלאָניצע און אָהן דער קלאָניצע ,

האבען זיי מיך געהערט ווי דעם קאטער און איצט איז אויף זיי פלוצלונג געקומען א לויפעניש...

א ישיבה בחור (פון אינעווייניג). קומט אריין אהער, ר' נח. איהר וועט זיך שוין שפעטער אויסטענה'ן מיט אייערע פערד... קומט אריין אהער מיט אייערע פארשוינען, וועט איהר זיך א ביסעל אויסטריקענען און דערווארעמען... (עס געהען אריין איינגע פארשוינען, ס'זעהט אויס סוחרים, די קליידער אויף זיי זענען נאס פון רעגען, אין די הענד טראגען זיי קאלירטע פאטשיילעס מיט צדה לדרך. ר' פייביש, ליב'לע פרוש, און א צוויי דריי יונגלעך קומען צוזאמען מיט זיי.

אלע (ארום די פארשוינען): שלום עליכם, יודען!

די פארשוינען: עליכם שלום!..

אלע: זעצט זיך, רב יוד, אט דא... אט... קומט אהער, זייט זשע מוחל... לאזט זיך דיענען... (יעדער בעדיענט זיך זיין פארשוין, אנווייזענדיג איהם א בעקוועם ארט, די פארשוינען צוזעצען זיך, ווער בייס טיש, ווער ביים אויבען, שאקלען אב פון זיך דאס רעגען-וואסער, אנדערע נעמען אראב די מלבושים און הענגען זיי א וועק אויסטריקענען ביים פייער, מען שמועסט אין בעזונדערע קופקעלעך, כמעט אלע צוזאמען, אזוי אז מען הערט קיים איינציגע ווערטער).

א בחור: פון וואנען פאהרט עס א יוד?

א פארשוין: בע... ווייס איך פון וואנען?.. פון וואנען פאהרט א סוחר? (די רעשט שמועסט מען שטיל).

א בטלן (אין א אנדער ארט): א בערדיטשעווער גאר! טאקי?..

א צווייטער פארשוין: טאקי, באמת א בערדיטשעווער...

א בטלן: דארף איך דאך אייך טאקי קענען... מה שמכם?

דער צווייטער פארשוין: משה בריינדיל'ס.

א בטלן: משה בריינדיל'ס? באלד, באלד... משה בריינדיל'ס, משה בריינדיל'ס?..

ר' פייביש (צו א דריטען פארשוין גיט דרייסט): אפשר האט א יוד א ביסעל משקה?

דער דריטער פערשוין: א שאלה א ביסעל!.. (מען טרינקט

לחיים, אין אַ־דערע קופּקעלעך ביים אויבען, טרינקט מען אויך און מען פערבייסט וואו מיט קעז וואו מיט אַ שטיק שוואַרץ ברויט, מיט אַ האַרטע זעמעל, מיט אַ קאָפּ פון אַ הערינג.

נח (פיהרט דערווייל אַריין ר' אברהם'ן, און יואל דודי'ן): קומט אויך אַריין אַהער. וואָס איז, נאָר איהר דאַרפט דאָרט דורכגעווייקט ווערען ווי אַ סכך להבדיל, נאָך סוכות... (ער פיהרט זיי אוועק אַנטקעגען פייער) זיצט דאָ און דערוואַרמט זיך אַ ביסעל... אָה... דאָ איז טאַקע וואַרם, אַ מחיה!..

ליב'לע פ־ויש: וואָס דען? ניט בחנם זאָגט אַ יוד יעדען פריהמאָרגען „מה טובו אהליך יעקב"...

נח (צו ר' אברהם'ן): אֶפשר וועט איהר זיך אַ ביסעל צולעגען אויפ'ן אויבען?

ר' אברהם (אויפוויקלענדיג יואל דודי'ס האַלז פון שאַל, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „ניין").

נח: ניין? נו, וועל איך זיך אַליין אויף אַ ווײַלע צולייגען. איך פיהל—ניט פאַר אייך געדאַכט—קיין גאַנץ גליעד אין זיך. (וועקט אַ בעטלער, וועלכער שלאָפט דאָרט) דו, קריך נאָר אַראָב! גענוג שוין געהאָליעט! ווי לאַנג איז דאָס דער שיעור? אַראָב גיעה באַלד, לאָז אַנ'אַנדערען אויך עפּעס געניעסען... וואָס איז, איינער אַליין ווילסט האָבען דעם גאַנצען עולם=הזה? אַראָב גיעה! (שלעפּט איהם ביי אַ פוס).

דער שלאָפענדער בעטלער (שרייט): וואָס שלעפּט ער! דער שוואַרץ יאָהר האָט אייך אַהער פערשלעפּט? ס'איז חוצפּה אַביסעל! איך שלאָף שוין דאָ צוועלף יאָהר אויף דעם זעלבען אָרט, איך האָב שוין צו דעם אָרט אַ חזקה!..

נח (שטויסט איהם אַראָב): טו בלייבט איהר ביי די חזקה! שוטה, וואָס איהר זענט!.. אַז איך בין אַ דורכגענעצטער און אַ געפרוירענער ווילט איהר האָבען די חזקה צום וואַרעמען אויבען?! אָ, איז דאָס אַ ביסעל אַ נאַרישער יוד, אַ נאַרישער יוד!.. (ער נעמט אַראָב דעם פעלץ און וויל זיך צולייגען שלאָפען, פונקט אָבער אין דער מינוט בעווייזט זיך זיין ווייב אין פענסטער).

אסתר (בייז): זעה נאָר, וואָס פאַר אַ סדר ער מאַכט זיך דאָ...

מעהר פֿעהלט איהם שוין ניט, מיין מאַנעניש... אַ ודאי, אַז דאָס ווייב מיט די קינדער האָט ער איבער געלאָזט אין דרויסען אויף דעם שלאַקס-רעגען!.. אַ קלאָג צו מיינע יאָהרען וואָס פֿאַר מאַן גאָט האָט מיך בעשערט...

נח: נו, וואָס זאָל איך דיר טהון? וואָס בין איך שולדיג, אַז דו ביזט, ניט פֿאַר מיר געדאַכט, אַ יודענ'ע און מען טהאָר דיך דערפֿאַר אין אַ מקום-קדוש ניט אַריינלאָזען...

אסתר (שרייט): וואָס דען, לאָזען אין דרויסען דאַרף מען מיך אין אַזאַ וועטער, וואָס ס'איז אַנ'עברה אַ הונד אַרויס צו-טרייבען?..

נח: איך טרייב דיך דען אַרויס? פֿון מיינעט וועגען...

לייב'לע פרוש (בייז): וואָס האָט זי זיך דאָ אַוועק גע-שטעלט? ווי קומען דאָ אַהער נשים! וואָס איז עס פֿאַר אַ גאַנג!..

נח: פֿאַר וואָס געהסטו ניט אַריין אין די ווייבערשע שוהל?

אסתר (שפּעט איהם נאָך): איז זי דאָך טאַקע פֿערשלאָסען, חכם מיינער...

נח (קריכט אראב): נו, מילא, וואָס זאָל איך דיר טהון... קום שוין אַריין אַהער... (ער פֿיהרט זי אריין. דריי קינדערלעך האַלטען זיך ביי איהר קלייד. ער זעצט זי אוועק נעבען דער טהיר. די קינדער לויפֿען צום אויבען זיך וואַרעמען).

לייב'לע פרוש (שרייט): פּושעים! גראָבע יונגען! וואָס לאָזט איהר מטמא זיין אַ מקום קדוש?.. וואו זענט איהר? פֿאַר וואָס וואַרפֿט איהר זיי ביידע ניט אַרויס, אַז זיי זאָלען די צעהנער קלייבען!.. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזעלכעס! ווייניג אייך, אַז איהר האָט געמאַכט פֿון בית המדרש אַ הקדש, אַנ'עיר מקלט פֿאַר יעדען בטלן, פֿאַר יעדען בעטלער, פֿאַר יעדען שלאַק!..

ר' פייביש: וואָס זאָל מען טהון, אַז דער שליסעל פֿון די ווייבערשע שוהל איז ביים גבאי?

לייב'לע פרוש (שרייט נאָך העכער): דאַרף מען ניט!.. איז זי ניט קראַנק צו ליעגען אין דרויסען... אַ מקום קדוש...

ר' חיים (האָט זיך פֿריהער געהאַט איבערגעוועקט, איצט שלאָגט

ער איהם שטרענג איבער): דאָס מקום קדוש זײַ דו נאָר ניט מטמא, לײַב׳לע!

לייב׳לע פּרוש (פּראָטעסטירט): ווי הײסט אַ יודענע, אין בית המדרש?..

ר׳ חיים (קלאַפּט מיט׳ן שטעקען אין די פּאָדלאָגע): לײַב׳לע פּרוש זײַ שטיל!..

לייב׳לע פּרוש (שטילער): דאָך, ר׳ חיים, ס׳איז דאָך פֿאָרט אַ נקבה!

ר׳ חיים (נאָך שטרענגער): לײַב׳לע פּרוש זײַ שטיל!

נח (העלפֿט איהר אַראָבשלעפּען פֿון זיך די טיכער און פֿאַטשיילעס, מיט וועלכע זי איז אַזוי פֿערבונדען, אַז מען זעהט איהר קוים די נאָז אַרויס): זי, מײַן אסתּר אַ נקבה גאָר?.. חע, חע, חע!.. אויך מיר אַ נקבה... אַ נקבה איז זי אַמאָל געוועזען, מײַדעלוויַז, יוען יעדען פּריץ האָט אַ שלאַק געטראָפֿען, אַז ער האָט אויף איהר אַ קוק געטהון.. זײַ פֿלעגען זי צוליעב איהר שײַנהײַט רופֿען: „קרוליאָוואַ=עסטערקאַ”... פֿון צעהנטען דאָרף פֿלעגען זײַ קומען צו איהר מאַמע אין קלײַטעל קויפֿען וואָס ס׳איז, אַבי נאָר זי אָנצוקוקען... ווען זײַ דערזעהן זי אָבער איצט, מײַן שײַנע אסתּר, וואָלטען זײַ אַוודאי אין צעהנטען דאָרף פֿון איהר אַנטלאָפֿען, אַזאַ יפת תּוֹאר איז זי בײַ מיר געוואָרען פֿון אײַביגען שוואולטאָג און ראָסקאָש... אסתּר=מלכּה מײַנע, ביזט אָפּשר הונגעריג?

אסתּר: וואָס פֿרעגסטו? מאַכסט זיך תּמ׳עוואַטע?.. ווײַסט דען ניט, אַז איך האָב נאָך הײַנט קײַן מיטאָג ניט געגעסען.

נח: ששש... שרײַ נאָר ניט אַזוי... פֿון מיטאָג אָן איז שוין אַ שעהן ביסעל צײַט אַוועק, האָב איך פֿערגעסען... וואָס איז, איך בין דאָך ניט קײַן מיניסטער איך זאָל אַלץ טראָגען אויף מײַן קאָפּ... (צו די קינדער) קינדער! אין דער בויד, אונטער מײַן זעסעל, וועט איהר געפֿינען אַ ביסעל קאַרטאָפֿעל, ברענגט זײַ אַרײַן אַהער, וועלען מיר זײַ אָבבראָטען און מאַכען זיך אַ סעודה כּיד המלך!.. (די קינדער לויפֿען אַרויס) וואָס דען זשאַלעווען וועל איך דיר מײַן ווײַבעל, לעבען זאָלסטו מיר... די פֿערד וועלען זיך נאָר אַ קאַפּ אָברוהען און אונטערפּיקען דאַרפֿען מיר שוין

ווייטער פאָהרען. נאָך א שעהן שטיקעל וועג האָבען זיי געבעך ביז ווילנא... (די קינדער קומען צוריק טראַגענדיג אין די פּאָלעס קארטאָפעל, וועלכע זיי ווארפען אריין אין פייער. פון דער מינוט אָן געהען זיי ניט אוועק פון אויבען, אלע ווילע חאַפּען זיי ארויס א קארטאָפעל און פּראָבירען צו ער איז שוין אָנגעבראָטען... ניט איינמאָל בריהען זיי זיך דערביי אָב).

ר' פייביש: פון וואַנען פאָהרט איהר, ר' נח?

נח: פרעגט פון וואַנעט פאָהר איך ניט... ס'הייסט פאָהרען פאָהר איך אַזש פון ווארשא פאָהר איך, נור אויסגעפאָהרען בין איך... אָהן א גוזמא, סך הכל, מעהר ווי א האלבע וועלט בין איך אודאי אויסגעפאָהרען.

ר' פייביש: און ווי לעבט זיך אייך עפּעס, הא?

נח: אט, ווי איהר זעהט מיך... ווי לעבט א יוד?.. אונזערע שונאים זאָלען אזוי לעבען ווי איך לעב... כ'לעב טאקי גאָר ניט! (ס'קומט אריין אַן'אלטער יוד, מיט א ברעכענער צדקה-פּושקע אין דער האַנד).

די זעלבע און דער אלטער יוד.

אלטער יוד: א גוטען אָבענד אייך, יודען!

אלע: א גוטען אָבענד! א גוטען אָבענד!

לייבעלע פרוש (עזות'דיג): שוין ווידער נאָך א נדבה?

אלטער יוד: יאָ, נאָך א נדבה... (ער שאָקעלט מיט די פּושקע, עס קלינגען אין איהר עטליכע מטבעות) איצט קלויב איך פאַר דעם שוחט'ס אלמנה... (קלויבט צוזאַמען פון וועמען ס'איז א נדבה) געבליעבען נעבעך אָהן פּרנסה, רחמנה ליצלן, נאָך אזא כשר'ן יודען... דערצו, ניט פאַר אייך געדאַכט, איז זי א קראַנקע; אין שפּיטאָל אָבער וויל מען זי ניט צונעמען, דערוויף איז זי צו ווייניג קראַנק... שווינדזוכט האָט זי, נאָר ארומגעהן קען זי... וואָלט זי חאָטש געהאַט א פּאָר רובל, וואָלט זי געקענט מיט עפּעס האַנדלען, אויב ניט בלייבט איהר א ברירה געהן בעטלען. (צו נח'ן) גיט ר' קרוב א נדבה פאַר אונזער שוחט'ס אלמנה...

נח (צו אסתר'ן): גיעב, אסתר!

אסתר (דרעהט זיך אב): כ׳האָב ניט, כ׳בין אַליין אַנ׳אָרעמע.

נח (גוטמוהיג): גיעב אַלטע, גיעב! אַז דו וועסט אַמאָל חלילה זײַן אַנ׳אַלמנה וועט מען פֿאַר דיר אויך קלויבען און קיינער וועט זיך אויך ניט אָבזאָגען.

אסתר (בייז): די צונג זאָל דיר אָבנעמען פֿאַר אַזעלכע רייד (וואַרפֿט אַריין א מטבע).

אלטער יוד: השם יתברך וועט אײַך דערפֿאַר אָבהיטען פֿון אַזאַ אונגליק!.. (וואַרעמט זיך בײַם אויבען) אוי קאַלט, קאַלט... אַ ווינטער ווערען מיר דאַכט זיך הײַנטיגעס יאָהר האָבען, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרמען ... (די קינדער נעמען אַרויס די קאַרטאָפֿעל פֿון אויבען) קאַרטאָפֿעל האָט איהר זיך אָבגעבראָטען?

נח: יאָ, איהר ווילט אֶפשר צפֿאָר?

אלטער יוד: אַדרבה...

נח (גיט איהם אַ פּאָר קאַרטאָפֿעל): נאַט אײַך, עסט און זאָל אײַך וואויל בעקומען.

אלטער יוד: אַ יישר כח אײַך.

איינגע (לויפֿען צו): גיט מיר אויך אַ פּאָר קאַרטאָפֿעל, ר׳ נח! מיר אויך... מיר אויך...

אנדערע (בעפֿאַלען איהם ווי די היישעריקען): און מיר ניט, ר׳ נח?.. פֿאַר וואָס מיר ניט... מיר אויך, ר׳ נח! גיט, גיט, ר׳ קרוב! מיר אויך!..

נח (טיילט אַרום צופֿריעדען): נעמט, נעמט אײַך... עסט געזונד... כ׳האָב אַליין ניט קיין סך, נור ס׳וועט פֿאַר אַלע קלעקען! דערויף זענען מיר דאָך יודען! חע, חע, חע... (לאַכט) נעמט קינדער די קאַרטאָפֿעל. דערלאַנגט דער מאַמע און זאָגט איהר, אַז ס׳זאָל זיך איהר דאַכטען, אַז דאָס איז אַ געבראָטענס גאָר!.. (דערלאַנגט זיי עטליכע שטיק).

אסתר (נימט די קאַרטאָפֿעל): אבי! דו האָסט נאָר פֿרעמדע צוטיילט... וואָס האָסט פֿאַר זיך געלאָזען?

נח: אַ יודישע קישקע, זאָלסטו וויסען, איז גאָר ניט צום אָבשאַצען... אַלץ איז פֿאַר איהר געַנוג, אַלץ נעמט זי באַרליעב!.. פּונקט ווי מײַנע פֿערדעלך, לאַנג לעבען זאָלען זיי מיר...

אבתר (עסענדיג): ווערסט שוין ביי מיר האבען א פסק, אויב דו ווערסט מיר אויפ'ן וועג דער צעהלען א מעשה אז דו ביזט הונגעריג!.. ווי ער האט דא ארום־געטיילט כבוד! פונקט גאר ווי ער וואלט דער גאנצער גביר זיין... חאטש א ראט־שילד!..

נח: אי נארעלע, נארעלע... ווען איך וואלט ערשט באמת געוועזען ראטשילד, נעם איך דא באלד, אט ווי איך שטעה, און צוטייל איטליכען אזוי פיעל קארטאפעל, וויפיעל אימיצער וואלט נאר אליין וועלען!.. חע, חע, חע! איך וואלט נאך יעדען געגעבען צו שטיקלעך געבראטענעם הערינג אויף אצולאג! געבראטענעם הערינג מיט קארטאפעל... (מליאסקעט מיט די ליפען) כמציא... מציא!.. א מעדן־מלך!.. אהא! ווען איך וואלט ערשט געוועזען ראטשילד!..

ר' פייביש (זיפצט): אך, אך... וואלט איך חאטש אמאל געוועזען א שטיקעל ראטשילד!..

לייבלע פרוש: בע, בע, בע! ווען איך וואלט געוועזען ראטשילד!..

אלטער יוד (צו יואל דוד'ן, וועלכער זיצט די גאנצע צייט און קוקט זיך איין אין פייער, ניט זעהענדיג וואס ארום איהם טהוט זיך): וואס זיצט איהר עפעס אזוי אומעדיג, ר' קרוב! פאר וואס נעמט איהר ניט א קארטאפעל? פאר אלעמען סטאיעט וועט פאר אייך אויך סטאיען... (צו נח'ן) פאר וואס—כ'בעט אייך—האט איהר דעם יונגעמאן ניט מכבד געוועזען מיט א קארטאפעל? דאכט זיך גאר א חלוש...

נח: איהם לאזט בעסער גאר צורוה. ער וועט אייך אפילו ניט ענטפערן.

אלטער יוד (פערוואונדערט): פאר וואס? איז ער דען חלילה א שטומער?

נח: שוין צוויי טאג פאהרען זיי ביי מיר אין בויד און— וויים איך—שטומע ריידען מעהר פון זיי...

איינגע (נייגעריג): וואס איז דאס פאר א מעשה? פאר וואס רעדען זיי ניט? פאר וואס, הא?

ר' פייביש: ווי הייסט עס עפּעס, גלאַט ניט ריידען? און אַז זיי ווילען עסען, ריידען זיי אויך ניט?

נח: הערסטו, אָט דאָס איז דאָך טאַקע די גאַנצע מעשה, אַז זיי ווילען גאָר ניט עסען! הלואַי וואָלט מיין ווייב אַזוי ניט װעלען עסען, ווי זיי...

אייניגע (קלייבען זיך צונויף אַרום אברהם'ן און יואל דוד'ן): װער זענט איהר (פּויזע) מה שמיכם? (זיי ענטפערן ניט).

לייב'לע פּרוש: אַ יוד זאָל ניט ריידען! אַ יוד זאָל ניט ענטפערען אויף „מה שמיכם"!.. עפּעס גאַר ניט קיין גלאַטע זאַך!.. דאָס איז גאָר ניט גלאַט... ווי הייסט!.. וואָס איז דאָס אַזעלעכעס?!.

ר' פייביש (צו יואל דוד'ן): זאָגט ר' קרוב... אפשר קענען מיר אייך מיט וואָס ס'איז אַרויס העלפען? זאָגט... ווי'ס איז עס ייך אַזעלכעס געשעהן?..

ר' אברהם: לאָזט איהם, איך בעט אייך, צורוה... מוטשעט איהם ניט...

אייניגע (צו ר' אברהם'ן): טאָ, זאָגט זשע איהר, וואָס איז איהם אַזעלכעס געשעהן, אַז ער וויל ניט קיין וואָרט אַרויס-ריידען?..

ר' אברהם: לאָזט מיך צורוה... איך קען עס אייך ניט זאָגען...

לייב'לע פּרוש (האַרט): רעדט ריינע דיבורים! וואָס איז דאָס אַזעלכעס? באַלד זאָלט איהר זאָגען וואָס איז דעם יונגענמאַן געשעהן? עפּעס איז ער דאָך טוידט, ווי אַלע טוידטע..

ר' אברהם: מיין זוהן.. מיין זוהן האָט נעבעך אַ גרויס אונגליק געטראָפען.

אלע: וואָס פאַר אַן'אונגליק האַ? וואָס פאַר אן'אונגליק?..

ר' אברהם: איך קען עס אייך ניט אַרויס זאָגען...

אלטער יוד: פאַר וואָס? פאַר וואָס? וואָס איז עס פאַר אַן'אונגליק וואָס איהר קענט אונז ניט אַרויס זאָגען? מורא האָט איהר? מיר זענען דאָך דאַכט זיך יודען...

לייב'לע פרוש: וואָס האָט איהר מורא צו האָבען? ווי הייסט? מען בעט אייך—זאָגט, זאָגט מען...

איינינגע (בעטען): זאָגט, ר' יוד זאָגט...

ר' אברהם: איך קען ניט! דאָס איז אַזעלכעס... גלויבט מיר—דאָס איז אַזעלכעס, וואָס איך קען אייך אויף קיין פאַל ניט ערצעהלען... איך וואָלט אַליין אויך געוואָלט פאַר אייך מיין הארץ זיך אויסריידען, אפשר וואָלט מיר חאָטש אַ ביסעל לייכטער געוואָרען... נאָך איך קען ניט! איך קען ניט!.. נויט מיך ניט!.. לאָז מיך צורוה... (פויזע. אַלע קוקען זיך איבער פערוואונדערט).

אַלטער יוד: אָבער... וואָס איז שייך... אַמענש קען דאָך—גלאַט אַזוי—אויסגעהן...

ר' נח: אודאי, גערעכט... צוויי טעג האָבען זיי גאָר אין זייער מויל ניט געהאַט...

ר' אברהם: זאָגט זשע מיר—איך בעט אייך—וואו קען איך בעקומען צו קויפען אַביסעל ווין פאַר איהם, פאַר מיין זוהן...

אַלטער יוד: ווין? וואו ווילט איהר דאָ היינט בעקומען צו קויפען ווין? היינט?.. אין מיט'ן דער וואָך ווין גאָר!.. נאָר איין משבת לשבת פערקויפט אונזער רב בחזקה ווין-קידוש פראָסטען ווין, זעקסגראָשען אַ קווערטיל, שרייט נאָך דער עולם, אַז ס'איז צו טייער...

ר' אברהם: קיינער, קיינער—זאָגט איהר—האָט דאָ קיין ווין ניט?

אַלטער יוד: חלילה!.. ביי אונז טרינקט דאָ קיינער ניט אין מיטען דער וואָך קיין ווין... אַחוץ אַ קראַנקער, אַז דער דאָקטער פערשרייבט איהם ווין, נו, קויפט מען דאַמאָלס אַ ביסעל ווין אין אַפטייק...

ר' אברהם (שנעל): וואו זשע איז די אַפטייק? וואו?!

אַלטער יוד (פערוואונדערט): איהר ווילט פאַר איהם קויפען ווין אין אַפטייק? יין נסך!..

איינגע: זיין נסך וויל ער קויפען ? אוש אזוי קראנק איז ער דאך חלילה ניט! . .

ר' אברהם: ער איז זעהר קראנק, כ'האב פאר איהם שטארק מורא . . . זעהט ווי ער קוקט אויס—גלייך ווי ער וואלט שוין חדשים=לאנג קראנג געוועזען . זעהט ווי ער קוקט אויס . . .

איינגע (שטיל): ער קוקט באמת אויס ווי א קראנקער . . . ווי א חולה מסכן . . .

ר' אברהם: זאגט מיר, וואו איז די אפטייק ? פיהרט מיך אהין ! . . (א סך פון די, וואס זענען געשטאנען ארום יואל דוד'ן און גע=קוקט אויף איהם מיט מיטגעפיהל . צוגעהען זיך איצט יעדער אויף זיין ארט די בחורים נעמען זיך געשמאק צום לערנען) . . . איהר ווילט ניט ? איהר ווילט מיר ניט ווייזען וואו די אפטייק איז ?! איז דאס רעכט אזוי ?

אלטער יוד (נאך א ווילע): איך וועל אייך זאגען דעם אמת, ר' קרוב . מיר טארען עס ניט !

ר' אברהם (פערוואונדערט): פאר וואס טארט איהר עס ניט ?

אלטער יוד: די מעשה—פערשטעהט איהר מיך—איז אזוי: מיר האבען אנ'אפטייקער א יוד, איז ער אבער א מורא'דיגער אפיקורס וואס טהוט אלע עבירות שבעולם ניט לשום עברה אפילו, ווי נאר אונז א־עמען און אונזער רבין—לאנג לעבען זאל ער—אויף צו להכעיס . . . האט איהם דער רבי עטליכע מאל מזהיר ומתרה געוועזען און אז ס'האט אלץ ניט געהאלפען, האט דער רבי אונזערער ארויף=געלייגט א שארפען אסור אויף די סחורות פון זיין אפטייק . . .

ר' אברהם (בעשלאסען): הערט ! א פרעמדער בין איך דא ביי אייך . . . איך געה אליין ! איך וועל זוכען די אפטייק, נאר זייט וויסען, אז אויב איך וועל אין דער פינסטערע נאכט פער=בלאנדזשען וועט אויף אייך פאלען א גרויסע עבירה ! . . זאגט זשע: קיינער פון אייך וועט מיר דעם וועג ניט ווייזען ? הא . . . קיינער ניט ? . . קיינער ?! .

ר' חיים (וועלכער האט זיך די גאנצע צייט צוגעהערט): ר'

קרוב, איך וועל אייך דעם וועג ווייזען!

אלטע (שטיל פערוואונדערט): ער, ער?.. דער בלינדער?!

אלטער יוד: איהר, ר׳ חיים? איהר וועט איהם גאר פיהרען?..

ר׳ אברהם (ביטער): איך בעט אייך, לאזט ניט פון מיר... ווי וועט איהר מיך פיהרען, אז איהר זענט אליין בלינד?..

ר׳ חיים: ניט איך — אט, זיי זענען בלינדע!.. איך זעה אלסדינג גוט און ווייס ריכטיג דעם וועג... ערשט געכטען בין איך, שפעט ביי נאכט, איינער אליין אין אפטייק געגאנגען...

איינינע (פערוואונדערט): אין אפטייק איז ער געוועזען! אין אפטייק...

לייבל׳ע פרוש: ווי הייסט עס! נאך וואס זענט איהר דארט געוועזען? ווער האט אייך דאס מתיר געוועזען?

ר׳ חיים: ס׳איז ביי נאכט פלוצלונג אוועק-געפאלען בער׳ל דעם שניידערס ווייב... האט בער׳ל מורא געהאט צו געהן, בין איך געגאנגען...

ר׳ אברהם: זאל זיין, אלטיטשקער! פיהרט מיך!.. איך געה מיט אייך...

ר׳ פייביש (גערייהרט): ניין, ר׳ חיים! איהר בלייבט דא און איך וועל איהם אהין פיהרען...

ר׳ חיים: נו אדרבה פיהר איהם דו, ס׳איז אודאי אזוי בעסער... איהר וועט מסתמא גיכער טרעפען...

ר׳ אברהם (קוקט א ווייל׳ע אויף ר׳ חיים גערייהרט און מיט עהרענפורכט). השם יתברך וועט עס אייך בעצאהלען! (צו ר׳ פייביש) קומט! (געהט ארויס מיט פייביש׳ן).

די זעלבע אהן אברהם׳ן מיט ר׳ פייביש.

ר׳ חיים (לעגט זיך צוריק אויף זיין ארט): מסתמא וועט פייוויש גיכער טרעפען... אי וואס דען? די מצוה א שאד? טאקי א שאד, אבער נישקשה, דער אויבערשטער וועט צושיקען אנדערע מצוות... ס׳פעהלען ב״ה ניט קיין מצות ביי יודען...

נח (שטיל צו לייב'לע פרוש): הערט איהר, וואס איך וועל אייך זאגען: מיר דאכט זיך, אז דער אלטער בלינדער דארף זיין עפעס א פערבארגענער צדיק... א נסתר...

לייב'לע פרוש: עט. וואס ס'פאלט אייך דארט איין א משוגעת... א פראסטאק איז ער! — א יוד ווי אלע יודען... און אז ער קען שוין אפילו אביסעל לערנען, איז וואס?..

נח: ניין ניין, דאס קען ניט זיין אזוי גלאט... דאס קען אזוי ניט זיין, (לייגט אריין אין דיפאלע פון זיין קאפאטע די לעצטע 2 קארטאפעל און טראגט זיי צו ר' חיים'ן) האט ניט פעראיבעל... עסט, זוידע! איך בעט אייך, עסט און... בענשט מיך.

ר' חיים (נעמט די קארטאפעל): איך זאל אייך בענשען? איך גאר? וואס רעדט איהר ר' יוד פאר א נארישקייטען?.. זאל אייך בעסער גאט בענשען... (ער נעמט עסען די קארטאפעל מיט אפעטיט).

לייב'לע פרוש (צו נח'ן): וואס האט איהר זיך דארט פלוצ=לונג צו געטשעפעט צום בלינדען? וואס געהט ער אייך דארט אן? ערצעהלט אונז בעסער ר' נח, אויב איהר פאהרט טאקע יא פון ווארשא, מוזט איהר דאך אודאי וויסען, וואס ס'הערט זיך דארט וועגען ווילנער בעל=הבית'ל? וואס איז טאקע פאר א מעשה מיט איהם פערלאפען, וואס?

בחורים: צו איז דאס טאקי אלץ אנ'אמת, וואס מען ער=צעהלט וועגען איהם?..

בעטלער און בטלנים: מסתמא האט איהר דאך עפעס וועגען דעם ענין געהערט? זאל עס טאקי אלץ זיין אמת?..

נח: איהר מיינט, אז איך אליין וויים יא עפעס וועגען דעם? אומעטום, וואו איך פאהר נאר אדורך פרעגט מען מיך דאס זעלבע... אויף דער גאנצער מדינה ווייסט מען שוין פון דעם אונגליק, וואס ס'האט דעם בעל=הבית'ל געטראפען! ווארום ווער האט דען פון ווילנער בעל=הבית'ל ניט געהערט? א קלייניג=קייט דאס ווילנער בעל=הבית'ל!.. א מענש, וואס האט טאקי מרעיש עולם געוועזען!..

בעטלער און פארשוינען: טאקי מרעיש עולם געוועזען!

בחורים: זאָגט־זשע ערצעהלט־זשע, אפשר ווייסט איהר דאָך עפּעס, כאָטש וואָס ס'איז וועגען איהם?..

נח: אַז ניט נאָר איך, נאָר — גלויבט מיר — קיינער ווייסט ניט אויף קלאָר וואָס ס'איז מיט איהם געשעהען! אַ טייל זאָגען אַז ער האָט זיך דאָרט אין וואַרשא געוואָלט פערליעבען אין אַ שפּיעלערין פון טעאַטער און האָט זיך צוליעב איהר... עט, וואָס וועל איך געהן נאָכריידען נאַרישקייטען...

בחורים און **בטלנים**: אדרבה! זאָגט אונז! פאַר וואָס זאָלען מיר ניט וויסען... זאָגט וואָס איהר ווייסט...

נח: זאָגט מען — ער זאָל זיך האָבען צוליעב די גויה — רחמנא לצלן — חלילה געשמד'ט!..

בחורים: געשמד'ט, זאָגט איהר?! עט, דאָס איז אַ ליעגענד! אַ שקר־בלבול!.. אַ ליעגענד!

נח: אַנדערע וויעדער זאָגען, אַז ער זאָל האָבען אין וואַרשאַווער טעאַטער געזונגען און אַרויסגעהענדיג פון טעאַטער האָט ער זיך אַזוי שטאַרק צוקיהלט, אַז ער האָט אינגאַנצען פערלויערען זיין קול און איז דערפאַר זאָגט מען — ניט דאָ געדאַכט אַריינגעפאַלען אין אַ וויסטע מרה שחורה!

בחורים (מיט אַ טיעף מיטגעפיהל): אַי, אַי... אין אַ מרה־שחורה, זאָגט איהר? אַי, אַי!

בעטלער און **בטלנים**: אָוואַ, אָוואַ! אַ מעשה, אַ מעשה...

נח: דעם אמת אָבער, דעם ריכטיגען אמת ווייסט קיינער ניט.

אַלטער יוד: איך ווייס יאָ דעם ריכטיגען אמת!

אַלע (קלויבען זיך צונויף אַרום איהם): פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? פון וואַנען ווייסט איהר דעם אמת?..

אַלטער יוד: ביים רבין ר' מעכיל, זאָל לעבען, האָט מען היינט טאַקי וועגען דעם געשמועסט, האָב איך געהערט, וואָס דער רבי ר' מעכיל אַליין האָט געזאָגט...

אַלע (זעהר נייגיריג): דער רבי ר' מעכיל? דער רבי ר' מעכיל? וואָס האָט דער רבי ר' מעכיל געזאָגט? דערצעהלט זייט מוחל, וואָס האָט ער געזאָגט? וואָס?..

אלטער יוד: דער רבי ר' מעכיל האט היינט געזאגט, אז די מעשה מיט'ן בעל-הבית'ל איז ניט גלאט עפעס א געשעהעניש, ווי אלע געשעהענישען, וואס טרעפען זיך אויף דער וועלט... דאס איז — זאגט ער — א מין אויסטערלישעס, וואס בעווייזט, ווי מען זעהט בעשיינפערליך, טאקי נאר גאטס גבורה, ווי וויט ער איז א אל נוקם ונוטר פאר די יעניגע, וועלכע פערשוואכען זיין נאמען...

נח: הייסט עס, קומט אויס, אז דער ווילנער בעל-הבית'ל זאל גאר האבען פערשוואכט גאטס נאמען?.. דאס זעהט איהר קאן שוין גאר מיין בעל-עגלה'שער שכל ניט פערשטעהן... ווי אזוי זשע? מיט וואס זשע?..

אלטער יוד: שלאגט ניט איבער, וועט איהר באלד הערען ווי אזוי.

לייב'לע פרוש: לאזט רעדען, וואס מישט איהר זיך אריין!..

אלע: נו זאגט, ערצעהלט!.. (זיי צוזעצען זיך ארום איהם, ווער אויף די באנק, ווער אויפ'ן טיש, אנדערע גאר אויף דער ערד, וואו איינער קען).

אלטער יוד: דער רבי ר' מעכיל זאגט, אז דער ווילנער בעל-הבית'ל האט זיך געהאט שוין אזוי פערטיפט אין זינגען סתם, אז ער האט גאר אינגאנצען שוין אויפגעהערט אין זינען האבען די הייליגע תפלות, טראכטענדיג בשעת זינגען נאר וועגען די קולות זעלבסט... דערפאר איז זיין געזאנג געווארען א מין אפיקורסות, א גאטס לעסטערונג! און דערפאר טאקי איז אין הימעל נגזר געווארען אויף איהם אנצושיקען א שווערען, זעהר א שווערען נסיון... נאר אזוי ווי — פערשטעהט איהר מיך — דער בעל-הבית'ל איז אויבען אויך א גרויסער חשוב, האט מען צו דעם נסיון אויסגעקליבען, ווייסט איהר וועמען? די מלכה שבא אליין!..

בטלנים און **בעטלער:** אוואַ! אוואַ! די מלכה שבא גאר! איהר הערט א מעשה?.. איהר הערט א מעשה...

לייב'לע פרוש: שווייגט, גראבע יונגען! לאזט ערצעהלען.

אלע: ערצעהלט טאקי ווייטער! ערצעהלט...

אלטער יוד: האט זי געלאקערט אויף איהם, די מלכה

שבא, און גענארט איהם און געצויגען אזוי לאנג, ביז זי האט איהם צו זיך, אין איהר פער׳כשופ׳טען שלאס פערנארט! דא האט זי איהם צו איהרע פיס געווארפען און אויפגעפלאקערט אין זיין הארץ אלע תאוה׳דיגע פערלאנגען, אלע שדים׳דיגע התלהבות...

און ער, אנשטאט מלחמה צו האלטען מיט׳ן כח הטומאה, אנשטאט זיך צו אמפערן מיט די קליפה, וואס ער וואלט זי אויף זיכער, צוליעב זיין זכות, בייגעקומען, האט ער זיך גאר אין גאנצען מיט לייב און לעבען אין איהרע הענד איבער־געענטפערט! און קניענדיג פאר די מלכה שבא בקלות ראש האט ער זיין פידעלע געהאפט, איהר הערט! יענם פידעלע — וואס, ווי מען זאגט — האט ער בירושה געהאט פון דוד המלך אליין, יענם פידעלע האט ער אין אזא מינוט געהאפט! אין זיינע ציטערדיגע הענד און האט פאר די מלכה־שבא — ימח שמה וזכרה — גענומען אויסשפיעלען און אויסזינגען אלע זיינע שענסטע און הייליגסטע תפילות!..

די בעטלער און בטלנים. אווא, אווא!.. א מעשה, א מעשה!..

די בחורים (אונגעדולדיג): נו וואס, וואס איז דעמאלס געשעהן?

אלטער יוד: דעמאלט האט די טומאה שוין די גאנצע שליטה איבער איהם בעקומען! און פלוצלונג איז מיט אמאל פערשוואונדען געווארען דאס געשטאלט פון די מלכה־שבא, און אויף איהר ארט איז אויפגעוואקסען דער אשמדאי אליין!

אלע: דער אשמדאי! דער אשמדאי!.. אווא, אווא!..

אלטער יוד: און דער אשמדאי האט איהם די פידעל פון זיינע הענד ארויסגעריסען און זיך פונאנדער געלאכט מיט אזא מורא׳דיגע, געלעכטער, אז ס׳זענען אזש פערציטערט געווארען די שפיצען פון די העכסטע בערג!.. דערנאך האט ער מיט זיינע אייזערנע פינגער אליין גענומען קלאפען אויף די הייליגע סטרונעס מיט אזא טייוולישען כח, אז די פידעל איז אזש אויף שטיקלעך צו שפרונגען און זיך צופלויגען אויף ארבע רוחות העולם!.. נאכדעם האט ער איהם זיין קול הנגינה פון זיין הארץ ארויסגעריסען און האט עס אין ים אריינגעווארפען, אויפ׳ן סאמע דנא!..

לייב׳לע פרוש: און ער אַליין? וואָס איז מיט איהם אַליין געוואָרען?

אלע: וואָס איז געשעהען מיט׳ן בעל־הבית׳ל אַליין? האָ? וואָס?..

אלטער יוד: אָט דאָס זעלבע וואָס דער אשמדאי האָט אַמאָל געטהון מיט שלמה המלך, האָט ער איצט מיט׳ן בעל־הבית׳ל געטהון... נאָכדעם ווי ער האָט זיין זעלטענעם קול־הנגינה אין ים דערטרונקען און זיין פידעלע צוּבראָכען האָט ער צוריסען זיינע קליידער און איהם פערשליידערט וויט, וויט, אין סאַמע עק וועלט. וואו עס וואָהנען גאָר אַנדערע, פרעמדע מענשען... און דאָרט געהט איצט אַרום דער גרויסער ווילנער בעל־הבית׳ל אין בעטלערישע בגדים און פונקט ווי שלמה האָט אַמאָל געררופען „אני שלמה!” און קיינער האָט איהם ניט געוואָלט גלויבען, מען האָט געלאַכט פון איהם, געררופען משוגע׳נער! — אַזוי לויפט איצט יואל דוד אַרום אין דער פרעמד און שרייט: „איך בין יואל דוד! איך בין דער ווילנער בעל־הבית׳ל! איך בין דער, וועלכער האָט געהאַט דוד המלך׳ס פידעלע!”.. קיינער אָבער גלויבט איהם ניט! אַלע לאַכען פון איהם און רופען איהם — משוגע׳נער!.. קיינער גלויבט איהם ניט!..

די בדורים (שטיל): קיינער גלויבט איהם ניט...

יואל דוד (שטיל): ווי שלמה המלך!

בטלנים און בעטלער (גערירט): אַ רחמנות נעבעך אויף איהם.. אַ רחמנות...

אלטער יוד (פאַנאַטיש): אַ מצוה אויף איהם אַ גרויסע! דער־פאַר וואָס ער האָט מיט זיין זינדיג, נבזה׳דיג זינגען מחלל קודש געוועזען, האָט ער דעם עונש רעכט פערדינט! גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט!..

איינינע (שטיל): גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט...

יואל דוד (איז ניט בעמערקט צוגעגאַנגען צום אלטען): רעדט ניט אַזוי, זיידע... ניט זינדיג, ניט נבזה׳דיג איז געוועזען דאָס געזאַנג, ניין — הייליג איז עס געוועזען!..

לייבּ'לע פּרוש: ער רעדט דאָך יאָ, ער רעדט דאָך גאָר יאָ!..

אַלטער ייִד (פֿערוואונדערט): פֿון וואַנען ווייסטו עס?

יואל דוד (שטיל): איך בּין דאָך עס טאַקע אַליין — איך בּין דאָך דער ווילנער בּעל־הבּית'ל...

בּחורים און בּעטלער (ערשטוינט): ער! ער דער ווילנער בּעל־הבּית'ל!..

לייבּ'לע פּרוש: חע! חע! חע! ער זאָל גאָר זיין דער בּעל־הבּית'ל!..

אַלטער ייִד: משוגע בּיזטו, וואָס?..

בּטלנים: אַודאי אַ משוגענ'ער! זעהט נאָר דעם ווילנער בּעל־הבּית'ל!.. אַ משוגע'נער!..

יואל דוד (בּיטער): ווי שלמה המלך... ווי שלמה המלך! (פּויזע) נאָר איך האָבּ ניט אויף אייך קיין פֿערדראָס, דערפֿאַר, וואָס איהר דערקענט מיך ניט... פֿרעמד בּין איך אייך, זעה איך אויס אין אייערע אויגען ווי אַ משוגע'נער... ניט איהר זענט שולדיג אין דעם... איך ווייס אַז מיינע אייגענע שטאָדט־לייט און די נאָהענסטע פֿון מיין משפּחה אַפּילו וועלען מיך איצט, נאָך מיין צוריק־קומען, אויך ניט מעהר דערקענען... און זיי וועלען אויך אין דעם גאָר ניט האָבּען קיין שולד...

בּעטלער און בּטלנים: וואָס רעדט ער? וואָס רעדט ער, וואָס?

יואל דוד: נאָר זאָלען זיי מיך רופֿען משוגע'נער — רופֿט מיך אַלע ווי אייך געפֿעלט — זאָגט נאָר ניט, אַז מיין געזאַנג איז אין יענע הייליגע מינוט אַ חילול קודש געוועזען!.. הייליג איז עס געוועזען! ווי ס'זענען הייליג די תּפילות פֿון מיין גאַנץ לעבּען! ווי ס'זענען הייליג מיינע ליידען, בּענקען און שטרעבּען צו אַנדערע עולמות, צו אַנדערע לידער — אַלץ איז הייליג — הייליג! און הייליג!..

לייבּ'לע פּרוש (אונרוהיג): וואָס זוימט זיך דאָרט אַזוי לאַנג זיין פֿאָטער?.. מען זעהט דאָך אַז ער איז נעבּעך אַ פֿערמישטער.

אַלטער ייִד: אַ פֿערמישטער נעבּעך... פֿאַר וואָס קומט נאָך אַלץ זיין פֿאָטער ניט צוריק?..

אלע (שטיל): אַ פֿערמישטער נעבעך, אַ פֿערמישטער. . .

יואל דוד (צו זיך): ווי שלמה המלך . . . ווי שלמה המלך. . .
נאָר הערט! איך וויל ניט עס זאָל איך אַמאָל אויף זיך אַליין
באַנג טהון דערפֿאַר, וואָס איהר האָט מיך אויסגעלאַכט און אָנ-
גערופֿען משוגע... איך וויל ניט ס'זאָל איך אַמאָל וועה טהון.
דאָס איהר האָט מיך ניט דערקענט... און דערפֿאַר זאָלט איהר מיך
דאָ באַלד אין מיין געזאַנג דערקענען... הערט מיין געזאַנג! און
ווייסט אַלע, אַז איך בין דאָס ווילנער בעל-הבית'ל!

פערשוינען און **בעטלער**: וואָס ער איז עס טאַקע? זאָל
ער עס באמת זיין?.. ער, ער?!

בחורים און **בטלנים**: ששש... ער וויל זינגען, לאָמיר
הערען... ששש... (ס'ווערט שטיל. אַלע וואַרטען, יואל דוד וויל שוין
אָנהויבען זינגען, נור באַלד דערהערט זיך פֿון הינטער'ן פֿענסטער אַ
טראָמפּעטען-סיגנאַל פֿון אַ צופֿאָהרענדע פּאָסט-קאַרעטע).

בטלנים און **בעטלער** (לויפֿען צום פֿענסטער): די פּאָסט
פֿאָהרט! די פּאָסט!..

לייב'לע פרוש (אויך נעבען פֿענסטער): אין פֿיער פֿערד גע-
שפּאַנט! צו אונז! נאָך וואָס דאָס פּלוצלונג צו אונז די פּאָסט?..

בטלנים און **בעטלער**: צו אונז? אין פֿיער פֿערד גע-
שפּאַנט צו אונז!.. (מען הערט שטעהן בלייבען די קאַרעטע פֿאַר
די טהיר).

לייב'לע פרוש: עפּעס אַ גוי געהט אַרויס פֿון קאַרעטע!
ער געהט אַריין אַהער...

בטלנים און **בעטלער**: צו אונז געהט ער אַריין!.. צו
וואָס געהט ער אַריין צו אונז? צו וואָס צו אונז? (ס'קומט אַריין
בלאַזשעי).

די זעלבע און בלאַזשעי.

בלאַזשעי: האָט ניט קיין פֿעראיבעל וואָס איך ערלויב זיך
אַריינצוגעהן אין אייער באָזניצע... איך זוך דאָ... (האַקט אָב, קוקט
זיך אַרום).

אלטער יוד: וועמען זוכט איהר דען דאָ ביי אונז?

בלאַזשעי: מען האָט מיר געזאָגט, אַז אַ בויד מיט פּאַ־סאַזשירען האָט זיך דאָ פאַרבײַפאָהרענדיג אָבגעשטעלט . . .

לייב'לע פּרוש: נו, טאָ איז וואָס?

בלאַזשעי: אָט, צווישען די דאָזיגע פּאַסאַזשירען דאַרף זיך געפינען . . .

יואל דוד: בלאַזשעי!

בלאַזשעי (ערפרעהט): יואל דוד! דיך זוך איך! פון נעכטען אָן יאָג איך זיך נאָך דיר!..

יואל דוד: ווער רופט מיך? ווער האָט נאָך מיר געשיקט?

בלאַזשעי: זי האָט מיך געשיקט... אײַ, טהוט איהר וועה דײַן אַוועק פאָהרען! זי האָט מיר בעפוילען דיך דעריאָגען און בעטען זאָלסט צו אונז צוריק קומען... מיט געוואַלט האָט זי מיך געהייסען דיך צוריק־ברענגען!..

יואל דוד: יאָ! יאָ, בלאַזשעי! איך פאָהר צוריק! נעם מיך שוין מיט זיך!.. איך טאָר דאָס ניט, איך ווייס, אַז איך דאַרף עס ניט טהון. נאָר איך קען ניט אַנדערש! איך קען ניט!.. איך אַנטלויף! אפילו מיט מיין טאַטען קען איך זיך ניט געזעגנען... איך טאָר איהם שוין מעהר ניט זעהן... זיינע טרעהרען, זיינע טרעהרען!.. הערט! איך בעט אײַך, טרייסט מיין טאַטען... זאָגט איהם, אַז איך וועל אַמאָל צוריק־קומען צו איהם. . . איך וועל צו איהם און צו אײַך צוריק־קומען און זינגען אײַך אויפס'נײַ... נאָר שוין גאָר אַנדערע לידער!.. איך וועל צוריק־קומען! איך וועל צוריק־קומען!.. (לויפט אַרויס צוזאַמען מיט בלאַזשעי. אַלע בלייבען ווי פערשטיינערט).

אַלטער ייד (קוים צו זיך קומענדיג): וואָס איז עס דאָ אַ זעלכעס געוועזען? האַ?..

אַלע (איינער צום צווייטע שטיל): וואָס זאָל עס אַלץ בעדײַטען? וואָס איז דאָס? וואָס הייסט דאָס?

לייב'לע פּרוש (שרייט): עפּעס ניט קיין גלאַטע זאַך.

נח: הייסט עס, איז בײַ מיר אין בויד געפאָהרען דער בעל־הבית'ל? און איך האָב גאָר דערפון ניט געוואוסט!..

אלטער יוד (אייגענצייטיג): ער זאָל זיין דער ווילנער בעל־הבית'ל? ער? ער!..

לייב'לע פּרוש (צוטראָגען): ווייס איך וואָס איהר רעדט? אַ משוגע'נער איז ער! איהר זעהט דען ניט? אַ פּשוט'ער משוגע'נער! פון שפּיטאָל אַודאַי אַנטלאָפען, האָט איהם דער וועכטער דאָ דעריאָגט!..

אייניגע: אַודאַי אַ משוגע'נער... אַודאַי, אַודאַי!..

ר' חיים (שרייט קלאַפּענדיג מיט'ן שטעקען): בלינדע! בלינדע וואָס איהר זענט! וואו האָט איהר אייערע אויגען געהאַט! ס'איז דאָך קלאָר, אַז דער ווילנער בעל־הבית'ל איז ביי אונז דאָ געוועזען! ס'איז דאָך קלאָהר!..

אייניגע: דער בעל־הבית'ל, דער בעל־הבית'ל! (ס'קומען אריין ר' אברהם און ר' פייביש).

ר' אברהם (האָט דערהערט די לעצטע ווערטער): ווער האָט עס אייך געזאָגט?

אלע (ווי צומישטען): דער ווילנער בעל הבית'ל! דער בעל הבית'ל.

די זעלבע ר' אברהם און ר' פייביש.

ר' אברהם (זוכט זיין זוהן): וואו איז ער? וואו איז מיין זוהן?!

אלטער יוד: דאָ איז עפּעס איינער, עפּעס אַ גוי איז דאָ גע־וועזען—און אייער זוהן איז מיט איהם, אָט נאָר וואָס אַוועק־געפאָהרען!

ר' אברהם: מיין זוהן!.. ווידער אויפסניי... מיין יואל!

(ס'הערט זיך פון דער ווייטענס דער סיגנאַל פון דער פּאָסט קארעטע).

נח: אָט! איהר הערט? זיי זענען נאָך נאָהענט... איהר קענט זיי נאָך דעריאָגען... געשווינד! געשווינד...

ר' אברהם (שרייט פערצווייפעלט): יואל דוד! יואל! יואל!..

(לויפט אַרויס. זיין געשריי פערליערט זיך אין דרויסען ווייט, צוזאַמען מיט'ן פּאָסט ס'גנאַל).

לע (שטיל): דער ווילנער בעל־הבית'ל איז דאָ געוועזען! דער ווילנער בעל־הבית'ל! דער בעל־הבית'ל! דער בעל־הבית'ל!..

ר' חיים (קלאַפּט מיט'ן שטעקען אין די פּאָדלאָגע): בלינדע! בלינדע—וואָס איהר זענט!.. בלינדע! בלינדע! בלינדע!..

(דער פאָרהאַנג פאַלט)

פיערטער אקט.

דאָס זעלבע צימער פֿון ערשטען אַקט. מלכּה שטעהט ביים טיש און דאַוונט שטיל אין אַ גראָבען סדור. עס קומט אַריין חיים'ל מיט אַ גרויסע גמרא אונטער'ן אָרעם.

מלכּה און חיים'ל.

חיים'ל (געהט צו פּאַוואָלע צו דער באָבע אין קוּשט איהר האַנד): אַ גוטען טאָג, באָבעשי... איך געה שוין אין חדר.

מלכּה (ענטפֿערט ניט, דאַוונט ווייטער).

חיים'ל: דו דאַוונסט, באָבעשי? (אַ לענגערע פּויזע).

מלכּה (געהט אויס שמונה עשרה): עשה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל... (מאַכט דריי טריט אויף הינטען, בוקט זיך רעכטס און לינקס און ענדיגט שטיל דאָס דאַוונען, דערנאָך) וואוהין געהסטו, קינד מיינס?

חיים'ל: אין חדר, באָבעשי.

מלכּה (קישט איהם אין קאָפּ): געה געזונטערהייט, מיין קרוין... וואַרט, וועל איך דיר מיטגעבען אַ פּוטער-קוכען, דאָס הערצעל צו דערחאַפּען.

חיים'ל (טרויריג): כ'וויל ניט קיין פּוטער-קוכען...

מלכּה: וואָס דען ווילסט דו? אפשר אַ עפּעלע?

חיים'ל: ניין באָבעשי. איך וויל ניט קיין עפּעלע אויך... איך וויל בעסער...

מלכּה: וואָס ווילסטו דאָס אַזעלכעס בעסער, זוהנעניו?

חיים'ל: איך וויל דער טאַטע זאָל שוין צוריק קומען! (צוויינט זיך, פּויזע).

מלכה (געריהט): וויין ניט קינד, דער טאטע וועט אין גיכען צוריק קומען.

חיים'ל: ווען וועט ער קומען? ווען? ווען?..

מלכה: מסתמא היינט... אפשר מארגען...

חיים'ל (דערפרעהט): היינט?! היינט וועט דער טאטע קומען! (עס קומט אריין משה'לע אויך מיט א גמרא אין דער האנד) משה'לע, הערסט? היינט קומט דער טאטע! היינט... קום, לאמיר לויפען אין חדר און אלע קינדער ערצעהלען די גוטע בשורה! זאלען זיך אלע פרעהען! היינט קומט דער טאטע... היינט! היינט... (לויפען ארויס).

מלכה (רופט זיי): חיים'ל! משה'לע! נעמט די עפעלעך, די קיכעלעך נעמט מיט... (די קינדער אנטלויפען ניט הערענדיג זי) מיינע ארעמע ווערם, נעבעך... ס'הארץ טהוט וועה יעדען טאג זיי אזוי צונארען... (געהט צו די טהיר פון דבורה'ס צימער און רופט) דבורה! דבורה!

מלכה און דבורה.

דבורה (פון איהר צימער): באלד גלייך! איך טהו זיך שוין אן!..

מלכה: האסטו זיך נאך אליין ניט אנגעטהון?

דבורה: ווען האב איך זיך געוואלט אנטהון? ווי לאנג איז דען איינגאנצען, אז איך בין גאר אויפגעשטאנען?..

מלכה: איייל זיך צו, ס'איז שוין שפעט!..

דבורה (קומט אריין אנגעטהון ווי נאר וואס פון שלאף אויפגעשטאנען). פאר וואס זאל איך זיך צו איילען? וואס איז דען אזעלכעס געשעהן?

מלכה: געשעהן איז גאר ניט, נאר ווייסט דאך, אין שטוב איז דא ארבייט גענוג.

דבורה: טא זאל זיך זיין! ס'איז דען ניטא ביי אונז ווער ס'זאל ארבייטען? וואס ווילסטו מאמע פון מיר? איך וויל שלאפען ווי לאנג ס'גלוסט זיך מיר און א סוף!.. (געגנעצט און צוציהט זיך) די קינדער זענען שוין אוועק-געגאנגען אין חדר?

מלכּה (גיעסט איין טהע פֿון סאַמאָוואַר און גיעט דבורה): שוין אַ וועק געגאַנגען. ביזטו רוהיג געשלאָפֿען די היינטיגע נאַכט?

דבורה: וואָס פֿרעגסטו מיך עפּעס היינט פּלוצלונג אַזעלכע נאַרישע שאלות? פֿאַר וואָס זאָל איך דען ניט רוהיג שלאָפֿען? כ'בין דען חלילה קראַנק?.. (פּויזע, דער נאָך פֿריילִיך) דו ווייסט מאַמע ווער ס'האָט זיך מיר די נאַכט געחלום'ט?

מלכּה (שנעל): יואל דוד!..

דבורה: האָסט געטראָפֿען! טאַקי מיין יואל דוד האָט זיך מיר גע'חלום'ט...

מלכּה (מיט אַ פֿערכאַפּ־ען אָטהעם): אַז וואָס האָט זיך דיר גע'חלום'ט?..

דבורה: מאַמע, דערלאַנג מיר אָט דעם פּוטער־קוכען...
(מלכּה דערלאַנגט איהר דעם קוכען, וועלכען חיים'ל האָט געלאָזען, זי געמט עסען, ריידענדיג) ס'האָט זיך מיר גע'חלום'ט, אַז ער איז געקומען צו פֿאָהרען...

מלכּה (דערפֿרעהט): געקומען צו פֿאָהרען!..

דבורה (נאַאיוו): אַיאָ, אַ וואוילער חלום?

מלכּה: און ווי האָט ער אויסגעזעהן?

דבורה: נישקשה, אַדרבה גאָר נישקשה האָט ער אויסגעזעהן... די באָרד איז ביי איהם קיין עין הרע צו־געוואַקסען, אַ סך לענגער געוואָרען! אמת, אַ גוטער חלום?..

מלכּה (נייגעריג): אמת... און וואָס ווייטער?

דבורה: אויף צו להכעיס, אויף צושפּרינגעניש אַלע שלעכטע צינגער, וואָס האָבען איהם געמאַכט אַ שם רע, אַז ער האָט אין וואַרשא אינגאַנצען די באָרד אָבגע־גאָלט, האָט ער דוקא אָט אַזאַ לאַנגע באָרד!.. און דערצו איז ער אַליין אויך געוואָרען אַ סך דיקער ווי פֿריהער!.. ניט וואָהר אַ גאָלדענער חלום?! האַ?..

מלכּה: אַ גוטער חלום...

דבורה: און געקומען איז ער צו פֿאָהרען פֿרייטאָג אויף שבת... און ווי ער איז אַריין אין שטוב, האָט מען איהם נאָכ־געטראָגען אַ גרויסען קאָרב! הערסט מאַמע, אַ גרויסען קאָרב! אַ גוטער סימן! ניין אפֿשר...

מלכה: יאָ, יאָ!..

דבורה (ערצעהלט מיט נאָך מעהר התלהבות): און דער קאָרב איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט שעהנע זאַכען, וואָס יואל דוד האָט אין ווארשא איינגעקויפט... פאַר מיר האָט ער עס אַלץ געקויפט! נאָר פאַר מיר! אפשר הונדערט לענטעם פון פער=שידענע קאָלירען! אָט, אַזעלכע ברייטע... אָפשר נאָך ברייטע=רע!.. און אַזש צוויי סאַמעטענע... הערסט, מאַמע! אַזש צוויי סאַמעטענע מאַנטעלעך מיט קרעלען—פונקט אַזעלכע, ווי רחל שלמה׳ס האָט!..

מלכה: איך הער דאָך, דאַרפסט ניט אַזוי שרייען...

דבורה (צוהיצט): לעבען זאָל איך אַזוי, ווי איך זאָג דיר קיין ליעגענד ניט!..

מלכה: אַז איך גלויב דיר, צו וואָס דאַרפסטו נאָך שווערען...

דבורה (ווערט פלוצלונג אונמוטהיג): וואָס קומט מיר אָבער דערפון אַרוים, אַז עס איז ניט מעהר ווי אַ נאַרישער חלום... מאַמע!.. ווען וועט ער שוין צוריק=קומען? ווען!?.

מלכה: מסתמא נאָך שבת...

דבורה (כמעט וויינענד): אייביג נאַרסטו מיך, פונקט ווי דו נארסט חיים׳לען אָדער משה׳לען... איך וויל שוין לענגער ניט וואַר=טען! זאָל דער טאַטע אַהין פאָרען און איהם באַלד אַהיים=ברענגען! איך וועל שוין אויף קיין פאַל ניט מעהר וואַרטען!..

מלכה: ווייסט דאָך, אַז דיין שווער איז שוין נאָך איהם געפאָהרען און ביז איצט איז נאָך פון איהם קיין ידיעה ניטאָ...

דבורה: טאָ זאָל איצט דער טאַטע פאָהרן נאָך זיי ביידען...

מלכה: דער טאַטע קען ניט אַוועק פון דערהיים. מע שנייט אוים דעם פריץ׳ס וואַלד מוז ער היטען, מען זאָל איהם ניט בע=גנב׳ענען.

דבורה: זאָל מען גנב׳נען, מיר איז אַלץ איינס! איך וויל, אַז יואל דוד זאָל באַלד קומען! הערסט מאַמע, איך וויל—אַז ער זאָל שוין קומען!.. (וויינט הויך).

מלכה: נו, בערוהיג זיך קינד, ער וועט קומען... וויין ניט,

דער קאָפּ וועט דיר וויעדער וועה טהון... ער וועט מסתמא באַלד נאָך שבת אויף געוויס קומען... (אויף די לעצטע ווערטער קומט אַריין ר׳ מנחם).

מלכּה דבורה און ר׳ מנחם.

ר׳ מנחם: ער וועט שוין מעהר ניט קומען...

מלכּה און דבורה (אַגעשריי): געשטאָרבען?!

ר׳ מנחם: הלואַי וואָלט ער בעסער געשטאָרבען! הלואַי וואָלט איהם פריהער אַ דונער דערשלאָגען, אייַדער ער האָט די שרעקליכע זאַך אָבגעטהון!

מלכּה און דבורה: וואָס האָט ער אַזעלכעס געטהון?..

ר׳ מנחם: די גרעסטע חרפּה האָט ער אונז אָנגעטהון! פאַר די גאַנצע וועלט האָט ער אונז מבזה געמאַכט!..

מלכּה: וועה איז מיר, מנחם! וואָס רעדסטו?

ר׳ מנחם: געשמד'ט האָט ער זיך, דער ימח שמוניק! מיט אַ גויה האָט ער חתונה געהאַט!

מלכּה: געוואַלד! וואָס רעדסטו!..

דבורה (צוזאַמען): ראַטעוועט מיך! דאָס קען ניט זיין! מיין יואל דוד!.. ווער האָט עס אַזעלכעס געזאָגט?!

מלכּה: ניין! ניין! איך קאָן עס גאָר ניט גלויבען! אַ בלבול איז עס, ניט מעהר ווי אַ בלבול! עס קען גאָר אַנדערש ניט זיין! (וויינט ביטערליך).

דבורה: מיין יואל! מיין יואל דוד, זאָל האָבען אַזעלכעס געטהון!.. אוי מאַמעניו, מאַמעניו! איך וועל עס ניט אויסהאַלטען! (פאַלט אויף די מוטער'ס האַלז און וויינט).

ר׳ מנחם: דבורה, מיין קינד! שטאַרק זיך, געדענק, אַז דו טאָהרסט שוין נאָך איהם אַפילו ניט וויינען!.. ער איז שוין איצט ניט דיין מאַן... אַ פרעמדער מאַנסביל איז ער דיר שוין איצט... געדענק, איהם בעוויינען איז איצט אַן עבירה!.. הערסט? אַ גרויסע עבירה איז עס!..

דבורה (וויינט נאָך העכער): אַז דאָס הערץ פּלאַצט אין מיר!..

ר׳ מנחם: איך וויים אַז דיין ווייטהאָג איז גרויס... ניחאַי

וואָלט ער געשטאָרבען... ניחאַ וואָלט ער בײַ אונז געשטאָרבען, אײדער ער איז אין דער פֿערשאָלטענער שטאָדט אַוועק; וואָלטען מיר איהם אַ שעהנע לויה געמאַכט, די חשב'סטע בעלי=בתּים וואָלטען זײַן אָרון געטראָגען, די גאַנצע שטאָדט וואָלט נאָכגעגאַנגען... און מיר וואָלטען איהם מקבר געווען מיט דעם גרעסטען כבוד, ווי אַ צדיק, ווי אַ גדול הדור, ווי אַ גאון!..

דבורה: ווערה איז מיר! אוי וועה איז מיר!..

ר' מנחם: הלואַי וואָלט ער בעסער געווען פֿריהער געשטאָרבען!..

דבורה: וועה איז מיר! אוי וועה איז מיר!..

מלכה: מנחם! דאָס קען ניט אמת זײַן! מײַן הערץ וויל דאָס אויף קיין פֿאַל ניט גלויבען!

דבורה: איך גלויב עס ניט בּאין אופֿן! דאָס קען ניט זײַן!.. ניין! ניין!..

מלכה: פון וואַנען ווייסטו עס? ווער האָט דאָס דיר די פֿינסטערע בשורה געבראַכט?

ר' מנחם: ר' נחום שלמה'ס און ר' וואָלף בער, זיי זענען נאָר=וואָס געקומען פון וואַרשא. גאַנץ וואַרשא קאָכט וועגען דעם ווי אַ קעסעל! מען ערצעהלט דאָרט, אַז ער האָט זיך צוליעב עפּעס אַ גויה גשמד'ט און חתונה געהאַט מיט איהר!

דבורה: חתונה געהאַט! חתונה געהאַט זאָגט מען?!

ר' מנחם: מען זאָגט אַז ניט אַנדערש, נאָר זי האָט איהם אַ כשוף אָנגעטהון!

מלכה: וועה איז מיר! אַ כשוף האָט מען אָנגעטהון אונזער קינד!.. אַ עין הרע האָט אויפֿגעגעסען אונזער קרוין פֿון קאָפּ!

דבורה (אייגענצייטיג): פֿאַר וואָסערע זינד—רבונו של עולם—פֿאַר וואָסערע זינד קומט דאָס אונז!..

מלכה: אַ כשוף האָט מען איהם אָנגעטהון... (פויזע. די ווייבער קלאָגען יעדע אין אַ בעזונדער ווינקעל).

ר' מנחם: דבורה, טהו אוים די שיך און זעץ זיך אַוועק נאָך דײַן מאַן אַ שעה שבעה... אַזוי איז דער דין... פֿון דער מינוט אָן איז ער פֿאַר דיר געשטאָרבען!..

דבורה און מלכּה: געשטאָרבּען! געשטאָרבּען...

ר׳ מנחם: יאָ, געשטאָרבּען איז ער מיט אַזאַ טויטש, אַז מען טאָר איהם אפילו ניט בּעוויינען!.. (שטרענג) מען טאָר נאָך איהם ניט וויינען!.. (דבורה וויינט שטיל).

מלכּה: ניט וויינען, אַז ס׳האַרץ פּלאַצט!..

ר׳ מנחם (שטרענג בּעפעהלענד): ניט געוויינט זאָל מיר דאָ בּאַלד ווערען! (פּויזע. ס׳הערט זיך קוים אַ שטיל כליפּען, דער נאָך נעמט ער דבורה בּיי די האַנד און פיהרט זי צו די טהיר) געה דבורה, טהו אויס די שיך...

דבורה: (טהוט אויס די שיך, בּלייבּט אין ווייסע זאָקען און זעצט זיך אַוועק אויף אַ פּיעסעננ-בּענקעל, קלאָגענדיג מיט אַ נגון ווי נאָך אַ טויטען)

מלכּה (אין דער צייט צו מנחם׳ן): מנחם! כ׳בּעט דיך, פאָהר דו אַליין בּאַלד קיין ווארשא! מיר זאָגט מיין הערץ, אַז דאָס קען גאָר ניט אמת זיין!.. פאָהר אַליין, פאָהר אַליין!

ר׳ מנחם: כ׳וועל דיך דאָס מאָל פאָלגען, מלכּה... הלואי וואָלט איך דיך דעמאָלס געפאָלגט, ווען דו האָסט מיך געבּעטען איך זאָל איהם קיין ווארשא ניט שיקען!.. פאַר וואָס האָבּ איך דיך דעמאָלס ניט געפאָלגט!..

מלכּה: מסתּמא האָט דאָך גאָט אַזוי געוואָלט... מסתּמא איז עס אויבּען אַזוי אָנגעצייכענט געוואָרען... וועסטו זשע היינט פאָהרען?

ר׳ מנחם: יאָ! נאָך היינט פאָהר איך קיין ווארשא! געה, מאַך מיר אַלץ גרייט צום פאָהרען...

מלכּה: וועסט נאָך זעהן מנחם, אַז מיין הארץ נאַרט מיך ניט!.. וועסט נאָך זעהן... (אָבּ).

ר׳ מנחם: הלואי... הלואי! (ס׳קומען אַריין פון גאַס דער דין, מיט צוויי בּעלי-בּתּים).

די זעלבּע, דער דין און צוויי בּעלי-בּתּים.

דיין: אַ גוטען מאָרגען דיר, ר׳ מנחם!

די בּעלי-בּתּים: אַ גוטען מאָרגען אייך, ר׳ מנחם...

ר׳ מנחם: פאַר וואָס זאָגט איהר מיר אַ גוטען מאָרגען?

ווייסט איהר דען ניט, אז מיין מארגען איז אויף אייביג פער־פינסטערט געווארען!..

דין: מיר ווילען זיך טאקע ביי דיר דערוויסען וועגען די ידיעה וואס צוויי עדות האבען איצט פון ווארשא געבראכט? צו ווייסטו, אז...

ר׳ מנחם (פערבערעכט די הענד): איך ווייס, וועה צו מיינע יאהרען! איך ווייס...

די בעלי־בתים: זאל טאקע אייער איידעם האבען...

ר׳ מנחם (שלאגט זיי איבער): ער איז שוין ניט מעהר מיין איידעם!.. געשטארבען איז ער פאר מיר!

די בעלי־בתים: אי, אי! פלוצלונג אזא אונגליק! ווער זאל עס זיך נאר ריכטען, אויף אזא אונגליק! אויף אזא אונגליק!..

דין: א גרויסער בזיון האט בעגעגענט די ווילנער קהילה!.. אונזער שליח ציבור איז ער געוועזען, אונזער חזן, אונזער ציצ־רונג... פאר דער גאנצער וועלט, האט ער אונז בעשעהנט, ווי די שענסטע פעריל, ווי דער טייערסטער ברילאנט! די קרוין פון אונזער קאפ איז ער געוועזען!..

ר׳ מנחם: ער איז געוועזען מיין אייציג קינד׳ס מאן! מעהר ווי אן אייגענער זוהן האב איך איהם ליעב געהאט... די גרויסקייט און די שעהנקייט פון מיין הויז איז ער געוועזען! מיין כבוד, מיין גאוה און מיין שטאלץ...

דין (צינדט זיך אן מיט כעס): כבוד, גאוה און שטאלץ! אט אזוי טאקי האסטו איהם אליין פאר א קרבן געבראכט! נאר אויף דיר פאלט איצט די שולד פון אונזער גרויס אונגליק!

ר׳ מנחם: פאר וואס נאר אויף מיר?

דין: נאר אויף דיר! צוליעב דיין גאוה האסטו איהם קיין ווארשא געשיקט! איך האב דיך נאך באלד דעמאלם מזהיר ומתרה געוועזען!

די בעלי־בתים: אונז אלע, גאנץ קהל איז געוועזען זיין פאהרען דערווידער!

דין: נאר דו האסט קיינעם ניט געוואלט הארכען! נאר דיין

גאוה האסטו נאכגעגעבען! נאר דיין זינדיגע גאוה!.. ווי וועסטו זיך איצט געדעכט מאכען?!..

די בעלי־בתים: קינד און קייט וועלען אייך שטיינער אין די גאסען נאכוואַרפען—און זיי וועלען זיין געדעכט!..

דין: ווי וועסטו איצט דין וחשבון אבגעבען פאר גאט און פאר לייט?!..

ר' מנחם (גאנץ ניעדערגעשלאגען): גענוג שוין! געוואלד, הערט שוין אויף! מיין הערץ איז מיר גענוג אויף שטיקער צו־ריסען, שיט ניט קיין זאלץ אויף מיינע בלוטיגע וואונדען!..

(מלכה קומט צוריק).

דין (שרייט): גיעב אונז צוריק אונזער יואל דוד! גיעב אונז צוריק אונזער בעל־הבית'ל! גיעב אונז צוריק זיין גאונ'שען גע־זאנג!..

ר' מנחם: מענשען! מענשען! האט אויף מיר רחמנות, געהט אוועק! לאזט מיך איצט אליין!.. יודען! יודען!.. (פאלט אויפ'ן טיש און וויינט הויך. פויזע).

ערשטער בעל־הבית (שטיל צום דין): לאמיר שוין געהן! דאך א רחמנות אויף איהם...

צווייטער בעל־הבית: ער איז שוין גענוג געשטראפט!.. אזא איידעם צו פערליערען...

דין: קומט! (ווי געהען צו די טהיר, באלד קעהרען זיי זיך פון דארט אום, געהען צו צום וויינענדען מנחם און זאגען זעהר גערירט. המקום ינחם אותך... און ענדיגען שטיל. פויזע. דערנאך געהען זיי ארויס מיט אראבגעלאזענע קעפ. אין סאמע טהיר בעגעגענען זיי זיך פלוצ־לונג מיט יואל דודין, וועלכען ר' אברהם פיהרט איצט אריין... אייניגע בחורים און בעלי־הבתים קומען נאך זיי).

די זעלבע, יואל דוד, ר' אברהם, בחורים און בעלי־בתים.

דין און בעלי־בתים (ערשטוינט): יואל דוד?! יואל דוד!?

מלכה (לויפט צו): קינד מיינס!

ר' מנחם (פערלויפט איהר דעם וועג): שטעה מלכה! ער איז שוין ניט מעהר אונזער איידעם!..

ר׳ אברהם: ס׳איז אַליעגענד, מחותּ׳ן! דאָס וואָס מען רעדט דאָ וועגען איהם איז אַ ליעגענד! איך האָב עס שוין אין שטאָדט געהערט און מײן אלט הערץ איז מיר שעור ניט געפּלאַצט פון גרוים וועטהאָג!.. דאָס איז אַלץ אַ ליעגענד!

איינינע (איינער צום צווייטען): לכן, זאָל דאָס אַלץ זײן נאָר אַ בלבול?..

דין (שטיל צו די בעלי=בתים): ווי קען דאָס זײן, אַז יודען זאָלען אַזאַ זאַך אויסטראַכטען!..אַזאַ בלבול...

די בעלי־בתים (קוקען זיך אָן): ווי קאָן דאָס זײן?.. ווי קאָן דאָס זײן!..

ר׳ אברהם: מײן יואל דוד איז דער זעלבער יוד געבליבען ווי ער איז געוועזען דעמאָלס בשעת ער איז פון אײך אַוועק=געפאָהרען... (אַקורצע פּויזע, אַלע שווייגען און קוקען זיך אָן)... איך שווער עס אײך בײ מײנע גראָהע האָר (אַלע שווייגען) בײ נאָט שווער איך דאָס אײך!..

מלכּה (מיט אַ פריידענגעשריי): קינד מײנס! מײן זוהן!

ר׳ מנחם: שלום עליכם, יואל דוד... זײ מיר מוחל, דאָס איך האָב אויף דיר אַזאַ זאַך געגלויבט...

דבורה (גיעט אַ פּליעסקע מיט די הענד): איז טאַקי אַלץ אַ ליעגענד! געגלויבט איז גוט! געלויבט איז זײן ליעבער נאָמען!.. (זי לויפט אין ווינקעל און טהוט שנעל אָן די שיך) איך האָב אָבער באַלד געזאָגט...

דין: שלום עליכם... זײ אונז מוחל! וואָס מיר האָבען אַזעלכעס אויף אונזער בעל=הבית׳ל געגלויבט... איך בין דיך מבטיח, אַז איך וועל חוקר ודורש זײן ווער ס׳זענען געוועזען די ליעגנער, וועלכע האָבען מוציא געוועזען אַ שם רע אויף דיר און וועל זײ אַודאי גאָר מיאוס מקיים פסק זײן!..

א בעל־הבית: שלום עליכם! מיר האָבען געגען דיר אַ גרויסע עולה בעגאַנגען און מיר בעטען דיך אַלע מחילה...

דבורה: נו, האַ? איצט זעהסטו שוין, יואל... מיך האַלטען זײ אײביג פאַר דעם גאַנצען נאַר און איך האָב די ערשטע ניט געגלויבט ווי זײ... נו, האַ?.. (יואל דוד קוקט אויף אַלע מיט אַ

שטאַרען בליק, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט וואו ער איז און וואָס מען רעדט צו איהם).

מלכּה: מנחם, זעה נאַר — ווי בּלאַס ער איז!

דער דין און די בּעלי־בּתּים: ווי בּלאַס ער איז...

ר' מנחם (צו ר' אברהם): וואָס איז איהם?

דבורה: ער איז מסתּמא פאַרמאַטערט פון וועג.

מלכּה: אפשר איז ער חלילה קראַנק?

ר' מנחם (צו יואל דוד'ן): וואָס איז דיר? קוקסט אויף אונז עפּעס אַזוי משוגה'דיג, ווי דו וואָלסט גאַר קיינעם ניט דערקענט...

דבורה: וואָס איז איהם?..

ר' מנחם (דערלאַנגט איהם אַ שטוהל): זעץ זיך... רייד עפּעס צו אונז!.. ערצעהל אונז ווי ס'איז דיר דאָרט געגאַנגען... ווי האָט מען דיך דאָרט צוגענומען? (פּויזע).

דבורה: פאַר וואָס ענטוועט ער ניט?

ר' מנחם: וואָס איז איהם, ר' אברהם? ער איז טאַקי קראַנק.

ר' אברהם: יאָ...

א בעל־הבּית: האָט איהר איהם בעדאַרפט לאָזען אין וואַרשא בּיז ער וועט געזונד ווערען.

ר' אברהם: הלואי וואָלט ער קיינמאָל וואַרשא ניט געקענט!

דבורה: וואָס איז איהם געשעהען? ער איז דאָך טויט ווי אַלע טויטע...

ר' מנחם: יואל דוד! רעד צו אונז חאָטש איין וואָרט... בּעגריעס דיין ווייב! בּעגריעס דיין שווינגער; רייד צו זיי — (פּויזע). זעה, אָט זענען מענשען צוזאַמען־געקומען דיר שלום אָבּגעבּען, אָט איז דער דין, אָט זענען די בּעלי־בּתּים... אָט איז... (לאה איז שטיל אריין געקומען. די האָר צוואָרפען, אַנגעטהון אין ווייסען ווי זי וואָלט גאַר וואָס פון בעט אויפגעשטאַנען).

מלכּה (גיעט אַ געשריי אַ פערצאַפּעלטע): לאה!

אנדערע (דערשראָקען): לאה!..

די זעלבע און לאה.

לאה (ציהט אויס די הענד צו יואל דוד): יואל דוד איז ווידער... ער איז ווידער דא! מיין יואל דוד...

יואל דוד: לאה! לאה!.. (בלייבט שטעהן נעגען איהר מיט אויסגעצויגענע ארעמס).

דבורה (דערשראקען): זי איז פון בעט אויפגעשטאנען! ווער האט זי אליין געלאזען?!..

מלכה: לאה, ווי האסטו געקענט אויפשטעהען! ווייסט דאך אז דו טארסט ניט! דער דאקטאר האט דאך דיר אנגעזאגט, אז דו טארסט ניט!..

לאה: יואל דוד, איז ווידער דא... יואל דוד!..

יואל דוד (פערווירט): פון וואנען האסטו זיך אהער גענומען, אזא ווייסע צווישען אזוי פיעל שווארצע?..

דין און ר׳ מנחם: וואס רעדט ער?

יואל דוד: ווי פון הימעל ביזטו אהער אראבגעפאלען! וואו האסטו דיינע פליגעל אהינגעטהאן?..

אלע: וואס רעדט ער? וואס רעדט ער?

ר׳ אברהם: וואס רעדסטו? דאס איז דאך דיין שוועסטער לאה... דערקענסט זי ניט?.. האסט זי אזוי ליעב געהאט!— און איצט דערקענסטו זי ניט?..

דין (שטיל): ער דערקענט זי ניט...

איינינע (איינער צום צווייטען): זיין בלינדע שוועסטער דער־קענט ער ניט!..

לאה: דערקענסט מיך ניט? אזוי לאנג האב איך נאך דיר געבענקט! און פון מיין בענקעניש האבען טרערען גע־פליסט. און פון די טרעהרען זענען אונטער מיינע פענסטער אויסגעוואקסען בלומען... א זעלכע ציטעריגע ווייסע בלומען, וואס יעדען פריהמארגען בליהען זיי און יעדען אבענד וועלקען זיי... אבער שטארבען קענען זיי ניט...

יואל דוד: און שטארבען קענען זיי ניט...

לאה: שטארבען קענען זיי ניט... וויל ס׳פאלען אויף זיי מיינע טרעהרען—בליהען זיי און וועלקען, אבער שטארבען קענען זיי ניט..!

יואל דוד (פלוצלונג): ווי רעדסטו צו מיר, לאה? מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו ביזט שוין לאַנג געשטאָרבען!

ר' אברהם: ווער? ווער האָט עס דיר אַזעלכעס געזאָגט?.. איך האָב דיר נאָר געזאָגט, אַז זי איז געפעהרליך קראַנק.

יואל דוד: ווער זשע האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז לאַנג שוין געשטאָרבען?..

לאה: נעכטען ביי נאַכט האָט דער דאָקטאָר זיי אויפ'ן אויער ערצעהלט, אַז איך מוז שטאַרבען... זעהר שטיל האָט ער עס זיי ערצעהלט, נאָר איך האָב געהערט!..

יואל דוד (בעשטעטיגט): יאַ! דו מוזט שטאַרבען...

לאה: איך ווייס עס גאַנץ גוט—איך ווייס עס שוין פון לאַנג... נאָר איך האָב נאָך דיך איינמאָל געוואָלט הערען, דיין געזאַנג און דיין פידעלע—נאָר איינמאָל נאָך!..

יואל דוד (ווי צו זיך): און שטאַרבען קענען זיי ניט... דורך טרעהרען וועלקען זיי און בליהען וויעדער אויף...

לאה (נעמט איהם ביי דער האַנד און פיהרט איהם צו זיך אין צימער): קום, קום! דאָרט וואַרט אויף דיר דיין פידעלע... עס וועט זיך אַזוי דער־פרעהען דיך אויפסניי דערזעהענדיג... צוזאַמען מיט מיר האָט דיין פידעלע געבענקט... קום צו דיין פידעלע, קום!.. (געהען ביידע אַרויס. פויזע. אַלע קוקען זיך אָן און שווייגען ניעדער־געשלאָגען)...

די זעלבע אָהן יואל דוד און לאה.

דין (שטיל): אַנ'אונגליק... אַנ'אונגליק... וואָס איז עס איהם אַזעלכעס געשעהן?

אלע (שטיל איינער צום צווייטען): אַנ'אונגליק... וואָס האָט זיך עס מיט אונזער בעל־הבית'ל פערלאָפען?.. וואָס איז איהם געשעהן? וואָס איז איהם געשעהן?..

דבורה (שרייט): איהר זעהט ניט, אַז ער איז קראַנק! מ'דאַרף איהם ראַטעווען!

אלע (אויסער ר' מנחם און ר' אברהם): מען דאַרף איהם ראַטע־ווען! מ'דאַרף עפּעס טהון... ראַטעווען ראַטעווען!.. (ס'ווערט אַ קאָך, אַלע דרעהען זיך אויפ'ן זעלבען אָרט, ניט וויסענדיג וואָס מיט זיך צוטהון).

איינינע: שיקט נאָכ'ן דאָקטאָר!

א בעל־הבית'ל: רופט בעסער דעם פעלדשער, דעם זנאַכאָר רופט!

דין (צו ר' מנחם וועלכער שטעהט פערווירט): וואָס האָט איהר זיך איצט פערטראַכט? איהר זעהט ניט, אַז מען דאַרף איהם ראַטעווען?

ר' מנחם (אויפ־וואַכענד): ראַטעווען!.. (רופט אין דער מיט־עלסטער טהיר) משרת! לויף גיך, לויף נאָך אַ דאָקטאָר, לויף! נאָך אַ פעלדשער לויף! דעם זנאַכער ברענג אויך!.. גיך, גיך! (צו די ווייבער) וואָס האָט איהר זיך איצט אַוועק־געשטעלט? ריהרט זיך.. שטעהט ניט...

מלכה (קוקט אויף איהם מיט שטאַרע אויגען): וואָס זאָלען מיר איצט טהון?

דבורה (וויינענד): וואָס קאָנען מיר איצט העלפען...

ר' מנחם: איהר זעהט דען ניט? אַזאַ אונגליק!

דבורה און מלכה: אַזאַ אונגליק, אַזאַ אונגליק!.. (לויפען ארוים דורך פערשיעדענע טהירען).

דין (צו אברהם): ר' אברהם, איהר דאַרפט עס דאָך וויסען, פון וואַנעט איז עס איהם געקומען?

ר' מנחם: מחותן! וואָס איז עס איהם... זאָגט, וואָס איז עס איהם דאָרט אַזעלכעס געשעהן?

אלע (ארום ר' אברהם'ן): וואָס איז איהם געשעהן? וואָס איז עס דאָרט אַזעלכעס פאָרגעפאַלען?..

ר' אברהם: וואָס קען איך אייך זאָגען? אַז... אַז...

ר' מנחם: אַז וואָס? זאָגט, ערצעהלט!

דין: מיר דאַרפען, מיר מוזען וויסען וואָס ס'איז מיט אונזער בעל־הבית'ל געשעהן!

אלע: זאָגט אונז! מיר מוזען עס וויסען...

ר' אברהם: וואָס קען איך אייך זאָגען?.. בשעת איך האָב איהם אין ווארשא אויף ס'ניי געפונען איז ער געוועזען אינגאַנצען געזונד... ערשט ווען אונזער בויד איז שוין געוועזען פון שטאָדט ארוים־געפאָהרען האָב איך בעמערקט אַז זיינע אויגען קוקען אויף

אַלץ און זעהען גאָר ניט... אַ גאַנצען טאָג איז ער אַזוי אָבגע=זעסען. ערשט ביי נאַכט, ווען אונזער בויד איז אין געדיכטען פינסטער'ן וואַלד אַריין, האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבען זינגען...

איינינגע (שטיל): זינגען, ביי נאַכט אין וואַלד גאָר זינגען...

ר' אברהם (ערצעהלט וואָס אמאָל הייסער): נאָר דאָס געזאַנג איז גאָר ניט געווען געגליכען צו די אַלע געזאַנגען, וועלכע איהר האָט פון איהם ביז היינט געהערט... גאָר עפּעס אַנדערש!.. גאָר עפּעס אַנדערש איז עס געווען... הערט! איך בין דאָך אַמאָל אַליין אויך אַ חזן געווען ווי ער... און איהם, מיין זוהן, הער איך דאָך זינגען פון זיין קינדהייט אָן, אָבער אַזאַ געזאַנג, האָב איך נאָך ביז איצט קיינמאָל פון קיינעם ניט געהערט!..

דין און בעלי־הבתים (בעאונרוהיגט): וואָס איז עס געווען פאַר אַ זינגען, האַ?..

ר' אברהם: האָט איהר אַמאָל געהערט ווי אַלויפּעדיג וואַסער גיעסט זיך אויף ריעזיגע מיהל=רעדער? געזעהן האָט דאָס יעדער פון אייך, אָבער צו האָט ווער פון אייך זיך אַמאָל איינגע=הערט אין דעם געזאַנג פון דעם זילבער'ן וואַסער, בשעת עס בייזערט זיך און עס פּלוכט און עס שעלט, פאַר וואָס מען האָט עס אין אַזאַ שווערע אַרבייט איינגעשפּאַנט!... אָט אַזוי איז גע=וועזען זיין געזאַנג!.. און ס'האָט זיך גערעכט אַז דאָס וואַסער ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, בייזער, ברייטער!.. ביז ס'האָט זיך צוגאָסען און פערפליייצט פּונקט ווי אונזער טייך, פאַר פּסח... און ס'האָט גענומען ברויזען אַזוי שטורמענדיג, אַזוי אונברחמנות'דיג גלייך עס וואָלט וועלען דוקא באַלד אַלץ מיט זיך פערטראָגען, אַלץ דערטרינקען, פערוויסטען, פערלענדען!.. יאָ, יאָ! מיר האָבען בפירוש געהערט ווי מענשען בעטען זיך רחמים מען זאָל זיי ראַטעווען פון בייזען געוויס'ר! קינדער וויינען, מאַמעס שרייען מיט די לעצטע כוחות – און דאָס מורא'דיגע געוויסער גיעסט זיך און גיעסט זיך פון אַלע זייטען...

איינינגע: אַ חדוש'דיג געזאַנג... אַ וואונדערליך געזאַנג...

דין: מסתמא האָט זיך עס אייך ניט מעהר ווי אויסגעדאַכט?!

ר' אברהם (פערגעסט זיך). ניין! מיר האָט עס זיך ניט אויס

גערדאַכט! איך האָב עס געזעהן—ווי מיט מיינע אויגען!.. מיר האָבען אַלע אין וואָגען געציטערט פון אימה, די ווייבער האָבען אָנגעהויבען וויינען, די קינדער האָבען זיך געטוליעט צו די מוטערס—און די מאַנסבילען האָבען שוין איהם געוואָלט בעטען ער זאָל אויפהערען זינגען—נאָר פלוצלונג האָט זיך פון צווישען די בוימער פון געדיכטען וואַלד אַרויסגעריסען אַ שטורם-ווינד מיט אַזאַ ביטערן יאָמער, גלייך ווי אַ סטאַדע ווילדע חיות וואָלט אונזער בויד גענומען נאָכיאָגען . . . מענשען הערען און ווערען נתפעל: אַזאַ זינגען האָבען זיי ניט געהערט! מענשען הערען און ווערען פון שרעק—פערגליווערט: אַזאַ זינגען האָבען זיי ניט געוואוסט, אַז עס איז אויף די וועלט פאַרהאַן!.. און ער זינגט נאָך אַלץ! ער זינגט נאָך אַלץ... נאָר דאָס איז שוין ניט געוועזען קיין געזאַנג! דאָס איז שוין קיין געוויסער אויך ניט געוועזען!.. אַ שרעק צו זאָגען: ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלערליי קליפות האָבען זיך אויף איין אָרט, ערג׳ץ וואו אין אַ פערגעסענע חורבה צונויפ-געקליבען... ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע מינים שדים און אַלע מחבלים פון שאול תחתיה בויען עפּעס אַ נייעם מגדל בבל, כדי אַרויפצוקלעטערן אויפ'ן הימעל—דעם כסא הכבוד ווילען זיי צושטערען! און אָט... שוין דאַכט זיך—דערלאַנגען זיי מיט די הענד די וואָלקענס! אָט, שיסען זיי באַלד אוים אַ ווילד געלעכטער—נאָר דאָ האָט פלוצלונג אַ בליץ אַלע הימלען מיט אַמאָל געעפענט און ס'האָט אַ קנאַל געטהון אַ גוואַלדיגער דונער מיט אַזאַ געוואַלדיגען כח, גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך אויף איין מאָל איבערגעקעהרט!..

אלע (טרעטען צוריק מיט שרעק, וואַגען קוים אַ וואָרט אַרויס-צוּריידען): און וואָס איז דעמאָלס געשעהן?

ר׳ אברהם: באַלד איניינעם האָט זיך פון זיין האַלז אַרויסגעריסען אַ מין גוסס'דיגער פּייף... און מיט אַ מאָל, גלייך ווי איהם וואָלט עס דער דונער געטראָפען, איז ער ענטשוויגען געוואָרען... (ער בלייבט אַ ווײלע ענטשוויעגען און ענדיגט): דאָס איז געוועזען דאָס לעצטע געזאַנג פון אייער ווילנער בעל-

הביתּ׳ל! דאָס איז געוועזען מײַן יואל־דוד׳ס לעצטע גע־זאַנג...

אלע (שטיל): דאָס לעצטע געזאַנג? זאָל גאָט שומר און מציל זײַן!.. דאָס לעצטע געזאַנג!?.. דאָס לעצטע געזאַנג...

(בלײַבען פערטראַכט מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ. באַלד הערט זיך פון דער צווייטער שטוב יואל דוד׳ס שפּיעלען אויפ׳ן פיעדעל).

ר׳ אברהם (ווערט דערציטערט): הערט—הערט—ער שפּיעלט!..

אלע: ער שפּיעלט! ששש—ער שפּיעלט אויפסנייַ!—

מלכּה און דבורה (קומען צוריק): יואל דוד שפּיעלט!.. יואל דוד!..

דין און מנחם: ששש... שטיל זײַט! ששש... (אלע הערען זיך איין ווי פערשטיינערט. דאָס שפּיעלען ווערט אלץ הערצליכער און הערצליכער, אלץ העכער און העכער... דער איינדרוק אויף יעדען באַזונדער ווערט אלץ שטאַרקער... נאָר קוקען דערשראָקען אויף די טהיר, אונטער וועלכע עס הערט זיך דאָס שפּיעלען; איינער וואַגט ניט קוקען אויפ׳ן צווייטען, לענגערע פּויזע).

ר׳ מנחם (שטיל): אַזוי האָט ער קיינמאָל ניט געשפּיעלט. דאָס איז עפּעס גאָר אַנ׳אַנדער אַרט שפּיעלען!..

די בעלי־הבּתּים: אַ וואונדער וואָס פאַר אַ שפּיעלען... אַ וואונדער, אַ וואונדער...

ר׳ אברהם: אַ שרעק, וואָסער אַ וועטהאָג אַרעם קינד מײַנס.

דין: ווי ס׳וואָלטען בײַזע רוחות איצט אין זײַן פיעדעל גע־זעסען!.. (לאה קומט אַרויס פון צימער וואו יואל דוד שפּיעלט).

די זעלבע און לאה.

לאה: ער שפּיעלט—מײַן ברודער שפּיעלט! ששש... הערט זיך איין, איהר זאָלט עס וויסען... זאָפט עס אײַן אין זיך, איהר זאָלט עס אויף אײביג, אויף אײביג געדענקען!..

בחורים (שטיל): אַך, וואָס פאַר אַ קולות, וואָס פאַר אַ יאָמער!..

בעלי־הבּתּים (ציטערען, קלאַפּען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן): ווי ס׳שרעקט הײַנט, ווי שווער ס׳דריקט זײַן שפּיעלען!.. אַזוי שווער, אַזוי שווער...

ר׳ מנחם: אַזוי האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געשפּיעלט!

מלכּה (איבערגעשראָקען); אָפּשר זאָל מען איהם אַוועק־נעהמען די פֿידעל?! . (ראָם שפּיעלען ווערט אַלץ שרעקליכער און שרעקליכער).

א בעל־הבית (שווידערט זיך פֿון שרעק): זאָל ער אויפֿהערען שפּיעלען!

אלע (ציטערנד): זאָל ער אויפֿהערען שפּיעלען!.. זאָל ער אויפֿהערען שפּיעלען!..

לאה: וואוהין רייסט זיך זיין שפּיעלען?! אויף וואָלקענס, אויף חמאַרעס—וואוהין רייסט עס מיך מיט?!. קלויבט זיך צונויף מענשען, דריקט זיך צוזאַמען—האַלט זיך פֿעסט אָן איינער ביי׳ם צווייטען—מיט הענד, מיט נעגעל און מיט ציינער, ווייל ס׳געהט אַ שטורם וואָס וועט פֿון די וואָרצלען וועלטען אויסרייסען! ס׳יאָגט אָן אַ שטורם, וואָס וועט אָראָבשטויסען הימלען פֿון זייערע זיילען און וועט זיי ווי גלאָז צוברעכען און שלייַדער׳ן אין תהום!..

מלכּה (מיט אַ פֿערגליווערט געוויין): מען דאַרף איהם אַ רויסרייסען פֿון האַנד די פֿידעל! אַרויסרייסען די פֿידעל!..

אלע (שרייען): זאָל מען איהם אַרויסרייסען, אַרויסרייסען די פֿידעל!

לאה: טהוט עס ניט, ניט פּרובט עס צו טוהון, גאָט זאָל אייך היטען!.. די פֿידעל איז זיין! דאָס שפּיעלען און מיר אַלע זענען זיין!.. ווען ס׳וועט קומען די צייט, וועט ער אַליין די פֿידעל צוברעכען, זיין ליעד וועט ער שחט׳ען און מיט זיינע שוואַרצע בליצען וועט ער אונז אַלע אויף קויל פֿערברענען!..

אלע (שטיל, פֿערצווייפֿעלט): זאָל זי אויפֿהערען ריידען—זאָל ער אויפֿהערען שפּיעלען!..

ר׳ מנחם: וואָס איז עס היינט פֿאַר אַ טאָג—געוואַלד! וואָס איז עס פֿאַר אַ טאָג!..

לאה: איהר הערט, ווי ס׳שרייט אַלס דער ווינט!.. בוימער וואַרפֿט ער אום! אַלעס רייסט ער פֿון בית עולם אויס און וואַרפֿט מיט צאָרן אַהער—אויף אונז... מענשען אַנטלויפֿט!

205790

ס'טרייסעלט זיך אויף די וועלט און שלייערט אראב פון זיך אלע שווערע קייטען דער הימעל קויקעלט זיך פון שטיינערנע בערג... ער פאלט... יודען! אנטלויפט!.. (דאס שפיעלען רייסט זיך פלוצלונג אב. ס'הערט זיך א קלאפ ווי פון א צובראכענע פיעדעל. לאה פאלט מיט א געשריי אויף די ערד און ווערט פערשוויגען. אויף אלע פנימער זעהט זיך א אימה. א טהייל לויפען צו די טהיר וואו די פיעדעל איז צובראכען געווארען, נאר קיינער וואגט ניט אריינצוגעהן אהין).

א בחור (קוקט אריין): ער האט צובראכען די פיעדעל!

אלע: צובראכען די פיעדעל! צובראכען די פיעדעל...

מלכה: צובראכען די פיעדעל...

משה'לע און חיים'קע (לויפען אריין פאלען צו די מוטער מיט א געוויין): דער טאטע האט די פיעדעל צובראכען!..

אלע (שטילער): צובראכען, צובראכען די פיעדעל! (אין דער טהיר בעוויזט זיך יואל דוד. אין האנד האלט ער זיין צובראכענע פיעדעל. אלע דערשרעקען זיך פאר זיין אויסזעהן. די ווייבער און די קינדער טוליען זיך צו זיך, מיט א שטיל שלויכצען).

די זעלבע און יואל דוד.

ר' אברהם (איבערגעבויגען איבער די טויטע לאה): יואל דוד! יואל דוד! וואס האסטו געטהון... זעה, דיין שוועסטער איז טויט!

מלכה (לויפט צו מיט געשריי): געשטארבען! לאה איז געשטארבען!..

אלע (שטיל): געשטארבען—געשטארבען—

יואל דוד: לאה איז געשטארבען!.. דארט האב איך מיין פיעדעלע צובראכען, ביזטו דא געשטארבען... (לייגט אריין די פיעדעל אין לאה'ס רעכטע האנד און דעם סמיטשיק אין איהר לינקע האנד, פערמאכט די טויטע פינגער) שוועסטער מיינע! נעם די שערבעלעך מיט זיך מיט, טראג זיי אוועק צו דוד המלך'ס שטוהל, קניה פאר איהם און שטיל זיין כעס אויף מיר... זאג איהם: איך האב שוין לענגער ניט געקענט! איך האב שוין לענגער ניט געקענט!.. פארוואס האט ער אזעלכע שווערע

גלאָקען אין מיין הארץ צו־וויגט, וואָס האָבען מיין געזאַנג
אויף טויט פערטויבט ?.. פאַרוואָס האָט ער מיינע אָרעמ'ס
פליגעל נעגעבען און מיינע פיעס צו די ערד צוגעשמידט !
זאָג איהם : די זון האָט מיר מיין נשמה פערברענט און שטאַר־
בען וועל איך פון קעלט . . . ערצעהל איהם, אַז אָהן בלוט פער־
גיסונג האָב איך דיך געטויט און אָהן טרעהרען האָב איך דיך
בעגלייט, ווייל יעדע טרעהר איז שוין אין מיר אויף אייביג אין איין
פערפרוירען !.. געה, געה — איינציגע שוועסטער'ל מיינע, נעם די
שערבעלעך פון מיין פידעלע מיט זיך מיט, נעם מיט די צאַרטע ווייסע
טויב, וועלכע איך האָב פון גרויס ליעבע און לייד גע'שוחט'ען ! געה,
שוועסטער'ל און נעם מיט זיך מיט די לעצטע ברכה פון מיר
(לייגט אויף איהר שטערן א לאַנגען, צאַרטען קוש, פויזע).

דין : שטעה אויף, דיין שוועסטער איז טויט, דאַרף מען
איהר רעכט טהון. . . דו טאָרסט זי איצט ניט קושען, אַזוי
פיהרט זיך ניט ביי יודען. . . איהר רעכט דאַרף מען איהר
טהון . . . שטעה אויף . . . (הויבט איהם אויף).

יואל דוד (קוקט פאַר זיך אונבעוועגליך, שטאַר) : מיין איינציגע,
מיין לעצטע שוועכטער איז נעשטאָרבען ווער־זשע וועט מיר מיין
רעכט טהון ?.. ווער ?..

ר' אברהם : מיט אמאָל האָב איך איינך ביידע פערלוירען !..

דין (הויבט אָן זאָגען שטיל) : ישב בסתר עליון . . . (בלייבט
שטעהן, טרערען שטיקען איהם).

בעלי־בתים און בחורים (חאַפען אונטער) : בצל שדי יתלונן.

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

R01270 26882